STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04462

# MENTSHN

D. Micmacher

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. מיצמאכער

# „מענטשן"

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

1935

PRINTED IN POLAND

CLEVELAND PUBLIC LIBRARY

D. Micmacher — „Menszn“

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno

35- 67603

# דוד מיצמאַכערס וועג
# צו פּראָלעטאַרישער קולטור

די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק איז די איינציק־וויסנשאַפטלעכע קריטיק. אָבער כּדי איר אויפגאַבע זאָל דערפילט ווערן בשלמות, מוז זי אָנווענדן צוויי גרונד־מעטאָדן אין איר פאָרשן און באַלייכטן די ליטעראַטור־ווערק.

אַ ריכטיקע מאַרקסיסטישע אָפּשאַצונג פון אַ ליטעראַרישער גאַנצקייט קען זיין דענקבאַר נאָר דעמאָלט, ווען דער געגעבענער שרייבער ווערט אַנאַליזירט נישט אין זיין סטאַטיק, נאָר אין זיין דינאַמיק, נישט דורך באַטראַכטן דעם אָדער יענעם ווערק, נאָר דורך אָנמערקן די אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער געגעבענער קינסטלערישער גאַנצקייט, דורך אָנצייכענען דעם *וועג* פון באַטראַכטן קינסטלער און די *טענדענץ* פונם דאָזיקן וועג.

געוויסע מאַרקסיסטישע קריטיקער פאַראיינפאַכן זיך אָבער די אויפגאַבע. זיי מאַכן אַ גרויסן טעות, מיינענדיק, אַז מאַרקסיסטישע קריטיק הייסט בלויז אַנאַליז, צי דעשיפרירונג פונם שרייבערס אידעאָלאָגיע. אַזאַ אַרט אַנאַליזירן אַ שרייבער איז אַ גאַנץ ריכטיקער — אָבער ער איז אַ ריין־פּובליציסטישער און קען פאַר קיין שום פאַל נישט טראָגן דעם נאָמען פון *ליטעראַטור־קריטיק*.

מאַרקסיסטישע קריטיק הייסט: דורכפירן אַזאַ סטיליסטישן אַנאַליז פונם ווערק, אַז עס זאָל קלאָר ווערן דער אידעיִשער איינשטעל פון שרייבער; אָנצייכענען דעם *שעפערישן מעטאָד* פון קינסטלער, כּדי אויף זיין סמך אַרויסציען די סאָציאַלע און אידעיִשע סך־הכּלען.

דוד מיצמאַכער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דעם פעריאָד, ווען עס האָט אַלמעכטיק געהערשט אויפן יידישן ליטעראַטור-פראָנט דער נאַטוראַליזם. נאָכדעם ווי די גרויסע וועלט-מלחמה האָט אומברחמנותדיק צעשטערט די ראָמאַנטישע חלומות פון פרץ און זיינע תלמידים, די סטיליזירטע, „חנעוודיקע" שטעטל-אידיליעס פון אַש און רייזען — איז געקומען אַ רעאַקציע אין די מוחות פון די קליינבירגערלעכע יידישע שרייבער. די רעאַקציע אונטערן דרוק פון דער אומברחמנותדיק-צעשטערטער ראָמאַנטישער וועלט האָט זיך אויסגעדריקט אין צוויי פאָרמען: אין אַנאַרכיסטיש-דעקאַדענטישער סתם-שרייבעריי פון די נאָכמלחמהדיקע פוטוריסטן און אין אַריינפירן אין דער יידישער רעאַליסטישער פראָזע דעם נאַקעטן, ברוטאַלן, שווידערנדיקן און אָפּשטויסנדיקן געמעל — אין דעם נאַטוראַליסטישן שעפערישן מעטאָד פון א. מ. פוקס, עוזר וואַרשאַווסקי, קאַגאַנאָווסקי, י. י. זינגער א. אַ.

די דאָזיקע שרייבער האָבן געמיינט, אַז דורך דעם געבן אָפּשטויסנדיקע, ברוטאַלע בילדער פון לעבן, דורך אויסזוכן די סאַמע עקלהאַפסטע ווונדן פון קאַפּיטאַליזם, דורך גריבלען זיך אינם סאַמע דורכשווידערנדיקן מענטשלעכן אָפּפאַל — דריקן זיי אויס זייער פראָטעסט קעגן אומגערעכטן אַרום, קעגן די גרוילקייטן פון קעגנוואַרט.

דוד מיצמאַכערס ערשטע צוויי ליטעראַרישע עטאַפּן צייכענען זיך אויס מיט זייער נאַטוראַליסטישן שעפערישן מעטאָד.

מיצמאַכערס ערשטע גרעסערע זאַך — „אויף די געשענקטע יאָרן" (פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1925) — צייכנט זיך אויס מיטן אויבנדערמאָנטן סטיל. מיצמאַכער גיט אין דער דאָזיקער נאָוועלע אַ ריי אָפּשטויסנדיקע בילדער, וועלכע וואָלטן געדאַרפט — לויט דער כוונה פון מחבר — געבן אַ בילד פון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט.

אָבער שוין אין אַ צווייטער גרעסערער זאַך פון זעלבן פעריאָד, אין די „שמאַטע-קלויבערס" (1926), לאָזט זיך

מערקן אין מיצמאַכערס סטיל אַן אינערלעכער געראַנגל. עס קעמפן מיט זיך צוויי סטילן: דער געזונטער חוש פאַר אָבסער־וואַציע, דאָס לעבעדיקע קינסטלערישע אָבסערוויר־אויג, דער חוש פאַר סאָציאַלן געמעל — און די נאַטוראַליסטישע דערציִונג, וועלכע האַמעוועט און פאַרטושט דאָס ערשטע, וועלכע ווערט אָבער נישט פאַרזונקען במשך דעם נאַטוראַליסטישן עטאַפּ און זיגט אין דעם איצטיקן פעריאָד פון מיצמאַכערס שאַפן.

„שמאַטע־קלויבער” קען מען אָנרופן סאָציאַלע נאָוועלע. אָבער וועלכעס ווערק איז, אייגנטלעך, נישט סאָציאַל? עס גייט דערין, אַז אין „שמאַטע־קלויבער” גיט מיצמאַכער אַן אויסדרוק פון אַ שיכט, מיט זיין גאַנצן קאָלאָריט, מיט זיין שפּראַך, באַנעמונג, אַרט־דענקען, אַרט־לעבן. און אַוודאַי וואָלטן די „שמאַטע־קלויבער” געוואָרן אַ וואָגיקער צושטייער פאַר אַ פאָר־שער פון יידישער עקאָנאָמיק, ווען נישט דער נאַטוראַליסטישער ווילדגראָז אין דער נאָוועלע.

מיצמאַכער ליובעט זיך אין די סאַמע ספּעציפישסטע שפּראַך־אויסדריקן פון דעם דאָזיקן טייל פון יידישן לומפּן־פּראָלעטאַ־ריאַט. אויב אין דער נאָוועלע „אויף געשענקטע יאָרן” גיט ער אַ מאָטיוו פון פאַרוועלקטע זיידע־באָבע, אַ מאָטיוו פון גסיסה און ערב־טויט, אַ הינטערגרונד פול מיט אָביעקטיוון טרויער און רעזיגנאַציע — זענען די „שמאַטע־קלויבער” אַ קלאַסישער אויס־דרוק פון קונסט־לשם־קונסט־אידעאָלאָגיע, איז נישט דער טייל־ווייזער רעאַליזם פון דער דאָזיקער נאָוועלע קיין שפּרינג־פעדער צו געוויסע סאָציאַל־אידעיִשע סך־הכלען, נאָר אַ זעלבסטצוועק פאַר זיך אַליין.

דער ערשטער פעריאָד פון מיצמאַכערס שאַפן, דער פעריאָד פון די „געשענקטע יאָרן” און „שמאַטע־קלויבער” איז דער ריין־נאַטוראַליסטישער עטאַפּ פון מיצמאַכערס קינסטלערישן וועג. מיצמאַכער פון דעם פעריאָד איז אַ טיפּישער יידישי־סטישער נאַטוראַליסט און דעקאַדענט. זיין קונסט פון דעם פעריאָד דריקט אויס די מעלאַנכאָליע און רעזיגנאַציע פון דער יידישער קלייןבירגערלעכער דעקלאַסירטער יוגנט,

וועלכע זוכט אָבער אַ שטיץ-פּונקט, וועלכע האָט אַן אינערלעכן דראַנג צו דער „מאַסע״ — וועלכע זוכט אָבער נישט דעם קאָנטאַקט מיט דער מאַסע אויף ריכטיקע וועגן, נאָר דערזעט דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיינע סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פּעריפּעריעס, אין דעם אַ. ג. לאַכעס-פּראָלעטאַריאַט.

עס איז קלאָר, אַז דער שפּעפרישער מעטאָד פון אַזאַ סאָציאַלן תּוך קען נישט זיין דער רעאַליזם. עס פלעכטן זיך אין מיצמאַכערס באַוווסטזיין פון דעם פּעריאָד צוזאַמען אידעאַליסטישער וועלט-באַנעם מיט קליינע דורכרייסן פון ווולגאַר-מאַטעריאַליסטישן — און דעריבער באַקומט זיך דער דעקאַדענטישער סטיל, וואָס ווייעט מיט אומעט און טויט אין דער נאָוועלע „געשענקטע יאָרן״, און דער נאַטוראַליסטישער — אין די „שמאַטע-קלויבער״.

און טאַקע דערפאַר איז מיצמאַכערס ערשטער פּעריאָד זיין גלאַנץ-תּקופה אין דער יידישער בירגערלעכער ליטעראַטור. און טאַקע דערפאַר — טאַקע פאַר זיין דעקאַדענטישקייט, פאַר זיין דעקאַדענטישער שפּראַך-אויסגעשליפּטקייט, פאַר זיין „גריבלען זיך אין נשמות״ — האָבן זיך מיט אים דעמאָלט אַזוי געצאַצקעט און שטאָלצירט די באַלעבאַטישע יידן פון אַמעריקאַנער „טאָג״ און פון דער היגער געלער פּרעסע.

די ערשטע טריומף-יאָרן זענען שנעל פאַראיבער — און מיצמאַכער האָט אָנגעהויבן דורכמאַכן דעם קינסטלערישן פּראָצעס, וואָס אַ ריי דורכשניטלעכע בירגערלעכע שרייבער. מיצמאַכער האָט נאָך נישט געפונען זיין סטיליסטישן תּיקון. אין זיינע ווייטערדיקע ווערק פילט זיך אַן אומרו, דער שרייבער האָט זיך בשום-אופן אינערלעך נישט געקענט סטאַביליזירן.

מיצמאַכער האָט נישט געהאַט קיין אידעיִשן אָנלען. און נישט בלויז ער אַליין, ער אַלס קינסטלער. עס זענען אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען אויפגעשוווּמען די יאָרן פון נאָך נייצנהונדערט זעקסאונצוואַנציק. נאָך אַ קורצן האָפנונגס-בליץ, וועלכער האָט אַרויסגעריסן מיצמאַכערן פון זיינע פאַרטרויערטע טענער (אויסגעדריקט אין בוך „אויפן ברוק״) זענען געקומען גרויע

טעג, אָנגעלאָדענע מיט האָפנונגסלאָזיקייט פון דעקלאַסירטער יידישער יוגנט און פון אַנטוישטע באַגערן פון אַרבעטער.

אָט אַזוי האָט זיך אין מיצמאַכערס צווייטן פעריאָד נאָך מער פאַרטיפט דער עלעגישער סטיל. צום פריערדיקן רייִנעם נאַטוראַליזם איז צוגעקומען דער אימפּרעסיאָניזם — נישט דער אימפּרעסיאָניזם ווי אַ קינסטלעריש מיטל ריכטיק און בינדיק איבערצוגעבן אַ פסיכישע לאַגע, צי אַ סיטואַציע פון אַרום, נאָר ווי דער סטעפּאַן-צווייגישער עלעגישער געמיט-אויסדרוק. מיצ-מאַכערס אימפּרעסיאָניזם, אין וועלכן עס טובלען זיך די גרעס-סערע נאָוועלן „אין קלעם" און „אויפן ברוק" (1931), דריקט זיך אויס אין געבן אומאויפהערלעכע פאַרנעפּלטע אָסיען-וועטערס, אין ווירקן מיט דער מאָנאָטאָנער, דעגענערירנדיקער דעפּרעסיע-שטימונג. אויב אין ערשטן פעריאָד האָט זיך געפילט אין מיצ-מאַכערס שילדערונג אַ געוויסע זעלבסטזיכערקייט, איז אין צווייטן פעריאָד זיין פענזל שטאַרק אומרויִק. דעריבער גיט שוין נישט מיצמאַכער אין די נאָוועלן פון ניינצנהונדערט דרייסיק קיין גלענצנדוקע טיפּן, צי שטייגער, ווי אין פאָריקן פעריאָד. מיצ-מאַכער גיט איצט פלעקן, גרויסע, עלעגישע און קינסטלעריש-מאָנאָטאָנע אויסגוסן — פּונקט ווי דער מאָלער-אימפּרעסיאָניסט אויפן לייוונט. די דאָזיקע מטושטשדיקייט און פאַרנעפּלטקייט פון מיצמאַכערס סטיל אין זיין צווייטן פעריאָד דריקט אויס די מטושטשדיקייט און פאַרנעפּלטקייט פון זיינע פּאָליטישע געדאַנ-קען אין דער דאָזיקער צייט. דער אומרו אין קינסטלערישן אַרט-שילדערן איז אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אינערלעכן אומרו, פון זיין זוכן אַ געוויסן אידעיִשן וועג און פון — בלאָנדזשען אויף אומוועגן.

די אַלגעמיין-פּאָליטישע סיטואַציע אין יענע יאָרן האָט געמוזט אַרויספירן מיצמאַכערן פון זיין דעקאַדענטישער פאַר-גליווערטקייט. אוודאי — וואָלט מיצמאַכער געווען בלויז דעקאַ-דענט, וואָלט זיך שוין אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפונגס-וועג נישט געריסן צום אויסדרוק זיין געזונטער, לע-בעדיקער אָבסערוויר-חוש, וואָלט מיצמאַכער געבליבן פאַרסקלע-

פּעט אין זײַנע זיידעס און באָבעס, אין די מאָטיוון פֿון טויט און אומקום — אַזוי גוט ווי אַנדערע יידישע נאַטוראַליסטן, ווי א. מ. פֿוקס, י. י. זינגער א. אַנד. מיצמאַכערן האָט געהאָלפֿן ביים עפֿענען די אויגן אויף דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט זיין לעבעדיקער חוש אַריינצוזאַפּן דאָס רעאַלע — דאָס קערנדל פֿון שפּעטערדיקן רעאַליסטישן שעפֿערישן מעטאָד.

אַ דאַנק דעם איז געקומען צום אויסדרוק אין יאָר ביינצנהונדערט דרייסיק ביי מיצמאַכערן אַ מאָמענט, וועלכער אונטערשיידט זיין שאַפֿן זייער שאַרף פֿונם פֿריערדיקן פּעריאָד, אַ מאָמענט, וועלכער דערלויבט אַזוי-אַרום פֿעסטצושטעלן אַ נייעם עטאַפּ אין מיצמאַכערס קינסטלערישן וועג.

נישט געקוקט אויף די דעפּרעסיע-שטימונגען פֿון צווייטן עטאַפּ, נישט געקוקט אויף אַ גאַנצע ריי מאָטיוון און קינסטלערישע מאָסמיטלען, פֿון וועלכע עס איז נישט קיין גרויסער מהלך ביז שונד, קומט דאָך אין די נאָוועלן פֿון דעם עטאַפּ צום אויסדרוק דער סאָציאַלער אויפֿברויז פֿון שרייבער, זיין פּראָטעסט קעגן אומגערעכטן אַרום, זיין קינסטלערישער בונט קעגן אַלע פּלאָגן פֿון קאַפּיטאַליזם.

אַוודאַי איז דאָס נאָך נישט דער ריכטיקער פּראָטעסט, אַוודאַי איז דאָס מער *אינסטינקטיווער* פּראָטעסט, איידער ציל-באַוווסטער קאַמף. וואָרום וואָס שילדערט מיצמאַכער למשל אין דער נאָוועלע „אין קלעם״?

אַ טראַגעדיע פֿון אַ קליינבירגערלעך מיידל. פֿאַרלאָזן פֿון חתן, דעקלאַסירט, ביי אַן אָרעמען טאַטן — פֿליסט איר לעבן מאָנאָטאָן און מעלאַנכאָליש. מיטאַמאָל קומט ביי איר אַ דראַנג זיך צו פּראָדוקטיוויזירן. זי ווערט אַ לערערין. זי קומט אין קאָנטאַקט מיט אירס אַ שילער, אַן אַרבעטער. זיי פֿאַרליבן זיך איינאַנדער — און זי געפֿינט גליק.

נאַטירלעך, איז דער סיוזשעט גאַנץ באַנאַל. נאַטירלעך, נעמט זיך ביי מיצמאַכערן דער גאַנצער אימפּרעסיאָניסטישער נעפּל, די אַרומיקע פּוסטקייט און דעגענערירטקייט, די דעפּרעסיע-שטימונג, אין וועלכע עס איז איינגעהילט דער טאָן פֿון

„אין קלעם", נישט פון דער סאָציאַלער לאַגע פון דעם קלײנבירגערלעכן, דעקלאַסירטן מײדל, נאָר פון דעם, וואָס איר חתן האָט זי פֿאַרלאָזט. אָבער אָביעקטיוו גענומען, איז דער גאַנ־צער געמעל אַן אויסדרוק פון דער דעקלאַסירונג אויף דער יידישער קלײנבירגערלעכער גאַס.

און — נאַטירלעך, איז דער אידעאַל, וועלכן מיצמאַכער רוקט אַרויס אין דער נאָוועלע, די פּראָדוקטיוויזירונג פונם מײדל, אין אונזערע באַדינגונגען אַן אוטאָפּיע, און איר גראַטעוועטער געמיט און לעבנס־ציל דורך דעם קאָנטאַקט מיטן וויסן־דורשטיקן אַרבעטער זעט אויס עטוואָס נאַיִוו — דאָך איז שוין דער מאָמענט, וואָס מיצמאַכער האָט מיטאַמאָל אינסטינקטיוו דערפֿילט אינם אַרבעטער אַ קראַפֿט, וועלכע קען באַלעבן די דעקלאַסירטע יוגנט און איר אָנרעגן צו אַן אַקטיווערן לעבן, שוין דער מאָ־מענט (הגם ער איז אין אַ געוויסן זין אוטאָפּיש און נאַיִוו) איז אַ שריט פֿאָרויס אין מיצמאַכערס וועלט־באַנעם.

דאָסגלײכן — „אויפֿן ברוק". אַ געשיכטע מיט אַ רעדו־צירטן אַרבעטער, וועלכער שטאַרבט פון הונגער, אויף וועלכנס קאָפּ עס שיטן זיך אַלע צרות און פּלאָגן, וואָס קענען נאָר געמאָלט זײן. אויך די דראַמאַטיק נאָוועלע איז זײער נאַיִוו צוגע־טראַכט, אויך אין איר איז געקומען אַ העפטיקער צוריקפֿלוס פון עקסטרעמען נאַטוראַליזם. עס זענען אַפּילו פֿאַראַן אין דער נאָוועלע אַזעלכע נאַטוראַליסטישע שילדערונגען און סיטואַציעס, פון וועלכע עס איז דאָ איין טריט צו שונד. איך רעד שוין נישט פון דעם אַרײנקוועטשען צענדליקער פּראָבלעמען און מענטש־לעכע פּלאָגן אין איין זאַך, אַלזאָ: הונגער, פּראָסטיטוציע, אַל־פּאָנסעריי, וואַנזיניקייט, צירק, גנבה, אַרבעטלאָזיקייט, שפּיטאָל— און דערבײ רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, די מאַי־איבערקערעניש, נשמה־גריבלענישן, האַס צום קאַפּיטאַליזם — קורץ: אַזאַ מין שטײגער נאָוועלע, וועלכע האָט אין דער פּוילישער ליטעראַטור איר כּמעט קלאַסישן אויסדרוק באַקומען בײ אַרטור פּרענדסקי (מחבר פון „אַלקאָהאָל" א. אַ.).

אין קאַראַהאָד פון די אַלע צרות און פּלאָגן וואָגלט אַרום

דער אַרבעטסלאָזער גאָלפּער. גאָלפּער איז דער פאָן-טרעגער פון מיצמאַכערס געדאַנקען.

און ווי זעען זיי אויס?

מיצמאַכער איז טאַקע דורכגעדרונגען אין דער דאָזיקער נאָוועלע מיט גרענעצלאָזן האַס צום קאַפּיטאַליזם; ער איז פול מיט שפּאָטישער קריטיק קעגן די „יידן רחמנים בני רחמנים״; ער גיט אַ ריי דורכשווידערנדיקע בילדער פון אַ לעבן פון אַן אַרבעטסלאָזן; די אַלע מאָמענטן זענען אומבאַדינגט אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג און אַ שריט פאָרויס אין מיצמאַכערס אַרט-דענקען, אָבער —

ווי אַזוי פּאַסט מיצמאַכער אויף די אַלע פּראָבלעמען? צו וועלכע אויספירן קומט ער? און — צי קומט ער בכלל צו אויספירן?

אָנשטאָט זוכן אַן אַנלען אין דער מאַסע, צווישן אַלע איבעריקע רעדוצירטע אַרבעטער, פּראָוועט גאָלפּער התבודדות, פּאַרטיפט ער זיך כמו-פילאָזאָפישע רעפלעקסן. אָנשטאָט פּראָלע-טאַריאַט — קומט ביי מיצמאַכערן אַרויס לומפּן-פּראָלעטאַריאַט; אָנשטאָט קאָלעקטיווער ווידערשטאַנד — אינדיווידואַליסטישע נשמה-גריבלענישן; אָנשטאָט זוכן און געפינען דעם וועג צום פּראָף. פאַריין — פּאַלט גאָלפּער אַריין אין אָרעמס פון אַ פּראָסטיטוטקע.

און וואָס באַקומט זיך?

אַנאַרכיסטישער, לומפּן-פּראָלעטאַרישער האַס צום קאַפּיטאַ-ליזם, פּראָסטיטוטקע-סאָציאַליזם און... יידישלעכער רעפלעקסעווען.

יאָ — מיצמאַכער שטרענגט זיך אפילו אָן צו געבן אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, אַ דעמאָנסטראַציע-פּרווו, אַ פּאָליטישע דיסקוסיע (און אויך דאָס איז אַ שריט פאָרויס ביים דעקאַדענט מיצמאַכער) — אָבער די אַלע סצענעס זענען געגעבן ווי פון דער דריטער האַנט, ווי באַשריבן אַ טויטע פאָטאָגראַפיע.

און אַזוי גייט ווייטער מיצמאַכערס שרייבערישער וועג: אַט גיט זיך אַ הוידע אַ פּאָזיטיווער, רעאַליסטישער מאָמענט, און אַט פאַלט ער צוריק אַריין אין דעקאַדענטישן אָפּגרונד, אין

נאַטוראַליסטיש-וווּלגאַרן געמעל. אָט גיט ער אין אַ נישט פאַר-עפנטלעכטער נאָוועלע „סטודענט הילעלס" אַ מאָטיוו פון קאַפּי-טאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע — אָבער דער דערפינדער הילעלס, וועלכער ווערט באַרויבט דורך דעם עקספּלאָאַטאַטאָר, קען זיין נקמה-באַגער אַנדערש נישט אויסדרוקן, ווי דורך... פאַרגוואַל-טיקן אַ יונג מיידל און דורך דערהרגענען זיין עקספּלאָאַטאַטאָר.

דער פּאָזיטיווער מאָמענט, דער דראַנג צום רעאַליזם ווערט וואָס ווייטער אַלץ וואָגיקער און בולטער. סוף 1932 שרייבט ער שוין דעם איינאַקטער „צוריקקער" וועגן אַ מלחמה-אינוואַליד, וועלכער קערט זיך אום אויף קוליעס. די זאַך איז נאָך שטאַרק פּאַציפיסטיש און סימבאָליסטיש — אָבער דאָך דאָ-מינירט שוין דער לייט-מאָטיוו: „איך בין די וואָרענונג!"

נאָך אַ נענטערן שריט צום רעאַליזם מאַכט מיצמאַכער אין די ערשטע טיילן פון דעם גרעסער-פאַרטראַכטן ראָמאַן „קוילן-גרוב" (אָנגעהויבן דרוקן אין דער „פאָלקסצייטונג"), ווו ער נעמט פאַרן הינטערגרונד דאָס לעבן פון די קוילן-גרעבער (מיצ-מאַכער שטאַמט אַליין אַ זאַגלעמביער).

נישט געקוקט אויף דער גוטער כוונה, איז דאָך די זאַך דערוויילי אויסגעפאַלן נישט רעאַליסטיש, עס האָט זיך פאַרט דורכגעריסן דער נאַטוראַליזם — און מיצמאַכער האָט געמוזט מאַכן איין זון פונם קוילן-מאַגנאַט פאַר אַ האַלבן אידיאָט, פאַר אַ קריפּל. פון דער צווייטער זייט האָט זיך נאָך מיצמאַכער געפונען אונטער אַ שטאַרקן דרוק פון אידעאַליסטישן וועלט-באַנעם און האָט געגעבן אַ צווייטן זון פונם גרובן-אייגנטימער — ממש אַ מלאך. דער דאָזיקער זון איז געווען אַן ענדעקל, וואָס האָט זיך ראַדיקאַליזירט אויפן פראָנט; ער קומט צוריק אַהיים און וויל צעטיילן צווישן די אַרבעטער דעם פאָטערס פאַרמעגן. לפי-ערך אַזאַ אויפפאַסונג פון סאָציאַלן פּראָבלעם ווי אין אייפּ-טאָן סינקלערס „נאַפּט". אַן אויפפאַסונג אַ דורכויס אידעאַלי-סטישע, אַן אוטאָפּישע און אַ שעדלעכע דערצו.

דאָך מוז מען באַטאָנען מיצמאַכערס דראַנג צו אַרבעטער-

טעמאַטיק — הן אין „אויפן ברוק", הן אין „קוילן-גרוב". אָבער איין ביז גאָר וויכטיקן אומשטענד מוז מען געדענקען:

טעמאַטיק איז נאָך נישט אַלץ. טעמאַטיק דעצידירט נישט וועגן דער געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע פון קינסטלער. עס דעצידירט דער שעפערישער מעטאָד, וועלכן דער קינסטלער ווענדט אָן.

ביי מיצמאַכערן איז אין משך פון צווייטן פעריאָד פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַריבערוואַקסן פון כּמותדיקן פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען אין איכותדיקער באַציִונג צו זיי. די דאָזיקע באַציִונג איז אָבער געקומען מיטן סטיליסטישן איבערבאַוואָפענען זיך פון דוד מיצמאַכער. דער נייער סטיל האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ דאַנק דעם אָנגעווענדעטן רעאַליסטישן שעפערישן מעטאָד, אַ דאַנק דעם דראַנג צו באַהערשן דעם דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעם, וועלכער כאַראַקטעריזירט מיצמאַכערס דריטן (איצטיקן) עטאַפּ.

נישט מיטאַמאָל איז מיצמאַכער געוואָרן אַ ר ע אַ ל י ס ט, נישט לייכט איז דער וועג פון באַפרייען זיך פון די אָנגעוואַקסענע סטיליסטישע ווילדגראָזן במשך לאַנגע יאָרן פון קינסטלערישער שאַפונג. דער געענדערטער אידעיִשער באַוווסטזיין דער נייער צוגאַנג צו דערשיינונגען פון טאָג און צו פּראָבלעמען פון לעבן האָט אָבער געהאָלפן מיצמאַכערן קריטיש באַהערשן די ירושה פון יאָרן.

מיט וואָס אונטערשיידט זיך דער איצטיקער פעריאָד אין מיצמאַכערס שאַפן פון די פריקע? אוודאי קען מען נאָך נישט אורטיילן אויפן סמך פון מיצמאַכערס נאָוועלן, סצענקעס און דער דערציילונג פון דער לעצטער צייט, אַז זייער מחבר זאָל שוין פולשטענדיק האָבן באַהערשט דעם איינציק-וויסנשאַפטלעכן, דעם דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעם, און אַז ער זאָל אים האָבן אָנגעווענדעט אין זיין שאַפן. דאָך קען מען פעסטשטעלן, אַז פון דער נאָוועלע „בלוט" ביז דער רעפּאָרטאַזשאַרטיקער דערציילונג „מענטשן" פילט זיך נישט נאָר אַ דראַנג,

נאָר אַ בפירושע דערנענטערונג צום אַ. ג. רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם.

וואָס איז די נאָוועלע „בלוט״? איז אין איר פאַראַן אַרבעטער-טעמאַטיק? ניין, אפילו קיין אַרבעטער-טעמאַטיק איז אין איר נישט פאַראַן. דער מאָטיוו איז אַ גענוג אויסטערלישער, אַ סימבאָלישער: דער גביר פון שטעטל איז קראַנק; אים צו ראַטעווען, מוז מען האָבן פריש מענטשלעך בלוט; קיינער פון דעם גבירס סביבה וויל זיך נישט לאָזן אַרויסצאַפּן זיין בלוט; עס שטרעקט אויס זיין אָרעם צו אויסצאַפּן אַ וועגעלע-שלעפּער; ער טוט עס, כּדי צו פאַרדינען אַ פּאָר גילדן; אָבער ווי מען האָט שוין אויסגעצאַפּט צוויי גלעזער בלוט, פילט ער זיך שלאַף און שטאַרבט. אין דער זעלבער צייט לעבט דער גביר אויף און שטאַרקט זיך — אַ דאַנק דעם אַרבעטערס בלוט.

ווי עס איז צו זען, איז דאָס נישט אַרבעטער-טעמאַטיק, וואָרום אַרבעטער-טעמאַטיק הייסט אַ פראַגמענט, אַ ריי פאַקטן צי דערשיינונגען פון אַרבעטער-לעבן, פון דעם אינעווייניק פון אַרבעטער-לעבן. „בלוט״ האָט בלויז פאַר אַ העלד אַן אַרבעטער. אָבער נישט דער מאָמענט שיידט אָפּ „בלוט״ פון מיצמאַכערס פריערדיקע פּעריאָדן.

אין „בלוט״ פילט זיך שוין אַ מער ציל-באַוווסטע באַציִונג פונם מחבר צו דעם הערשנדיקן אומרעכט, די לאַגע-אונטערשייד פון גביר און וועגעלע-שלעפּער איז זייער שאַרף, בולט-רעאַליסטיש אָנגעצייכנט, הגם —

הגם דער גאַנצער טאָן פון „בלוט״ אָטעמט נאָך מיט דער באַקאַנטער מעלאַנכאָליע פון „אין קלעם״ און „אויפן ברוק״, הגם די גאַנצע אויפפאַסונג פון פּראָבלעם ווייעט מיט טרויעריקן פּעסימיזם. די מאַסע האַנטוועגעלעך-טרעגער איז רוי, אומבאַוווסטזיניק, איין קנויל פון הונגעריקע, וועלכע דענקען נישט.

דער זעלבער טרויער ווייעט אויך פון אַ צווייטער זאַך, פון „יאַנקל וויביטקער״. מיצמאַכער גיט אַ באמת-דורכשוידערנדיקע און טיף-רירנדיקע טראַגעדיע פון אַן אַלטן, אָפּגעשוואַכטן

אַרבעטער, וועלכער האָט כמה וכמה יאָרן אָפּגעהאָרעוועט און איצט טויג ער שוין נישט צו דער אַרבעט. דער האַרצלאָזער באַלעבאָס זאָגט אים אָפּ פון פאָסטן. מיצמאַכער וויקלט פאַר אונז פאַנאַנדער אַ געראַנגל פון אַזאַ „אומנוצלעכן מענטש" פאַר זיין קיום. יאַנקל וובּיטקער וויל נישט אָפּטרעטן פון פאָסטן. און דאָס נישט צוליב דעם, ווייל ער וועט נישט האָבן פון וואָס צו לעבן, נאָר ווייל דאָס איז אַ פראַגע פון זיין לעבן און טויט, פון זיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג אויף דער וועלט בכלל. אויב איך טויג שוין נישט צו דער אַרבעט, בין איך איבעריק אויף דער וועלט און איך גיי טאַקע אַוועק! — אָט איז דער לייטמאָטיוו פון יאַנקל וויביטקערס אַרט-דענקען.

אין „יאַנקל וויביטקער" האָט מיצמאַכער — ווי זעלטן ווער — טיף אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכיק פון דעם טיפּ משרת, וועלכער ווערט פּאַוואָליע אַנטרונען פון אונזער ווירקלעכקייט. און טאַקע דערפאַר זענען ווילד די טענות פון געוויסע קריטיקער צו מיצמאַכערן, הלמאַי ווייזט ער יאַנקל וויביטקערס שטומען פּראָטעסט, הלמאַי קעמפט נישט וויביטקער, הלמאַי ווייזט נישט דער מחבר דעם סאָלידאַרן קאַמף פון די איבעריקע אָנגעשטעלטע.

דווקא אָט אַזאַ אויפפאַסונג פון די וויביטקערס, ווי מיצמאַכער האָט עס געגעבן, איז אַ פּאָזיטיווער, רעאַליסטישער צוגאַנג. נישט דורך שרייִקע, היסטערישע שטריכן, נישט דורך אַ סך אָנגעוואָרפענעם פאַרב, נאָר דווקא דורך שטילע, געהאַמעוועטע מינאָר-טענער שוידערט אונז מיצמאַכער דורך און דעמאָנסטרירט קינסטלעריש דעם גרויל פון די וויביטקערס, וועלכער עקזיסטירט נאָך אויף זיכער אין פיל שטעט און שטעטלעך. וויביטקער פּראָטעסטירט נישט אַקטיוו, ווייל די הכנעה-באַציִונג לגבי דעם באַלעבאָס און דעם גורל איז זיין וועזן, ווייל דאָס איז דער עיקר-שטריך פונעם משרת. דאָסגלייכן — דער פּאַסיווער פּראָטעסט פון זיינע מיטאַרבעטער.

ווען מיצמאַכער וואָלט זיך אין זיין קינסטלערישן וועג אָפּגעשטעלט אויפן משרת, אויף וויביטקערן, וואָלט ער קיינמאָל

נישט פאַרדינט די באַצייכענונג פון אַ רעאַליסט, וואָלט ער געבליבן אַן אימפּרעסיאָניסטישער, קליינבירגערלעך־ראַדיקאַלער שרייבער, וועלכער האָט פילאַנטראָפּישע אָפּנויגן און וועלכער רירט אָן קוים די סאַמע העט־ווייטסטע ראַנדן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע טיפן — די יאַנקל וויביטקערס. אַ דאַנק זיין סטיליסטישער איבערבאַוואָפענונג האָבן מיר פאַר זיך אין די „מענטשן" אַ שפּאָגל־נייעם מיצמאַכער.

*

*

„מענטשן" זענען אַ שריט פאָרויס צום „ר ע וו אָ ל ו צ י אָ־נ ע ר ן ר ע אַ ל י ז ם". וואָס איז אָבער דער אונטערשיד צווישן דעם רעאַליזם אויפגעפאַסט פון דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן קוק־ווינקל און דעם אַמאָליקן, קלאַסישן בירגערלעכן רעאַליזם?

דריי זענען געווען די הויפּט־שטריכן פון קלאַסישן רעאַליזם:

1. דער א י נ ד י ו ו י ד ו אַ ל י ז ם. דער קלאַסישער רעאַליזם איז געווען דער קונסט־אויסדרוק פון דער שטייגנדיקער, פּראָגרעסיווער, בויענדיקער בורזשואַזיע. דער קאַפּיטאַליזם אין זיין אויפשטייג־פּעריאָד (און אויך היינט) האָט זיך באַזירט אויפן יחיד־אונטערנעמער, אויפן אחריותדיקן אינדיוויד. דער יחיד־אונטערנעמער איז געווען דער מאָטאָר פון דער שטייגנדיקער אינדוסטריע. אַזוי־אַרום איז דער העלד פון טאָג נישט געווען די מאַסע, נאָר דער איינער דרייסטער „קאַפּיטאַן" פון דער אונטערנעמונג. עס איז אַנטשטאַנען אַ קולט פאַרן אינדיוויד, דערפון — דער אינדיווידואַליזם אין דער קלאַסישער רעאַליסטישער פּראָזע.

2. ד י ס ט אַ ט י ק אין דער באַשרייבונג און אין דער אַקציע. דער אויפשטייגנדיקער קאַפּיטאַליזם האָט געפאָדערט אַ געלאַסענעם, רעגולערן לויף פון לעבן. קיין שום זאַך זאָל אים נישט צעטרייסלען די בויונג, דעם האַנדל, דעם געיעג נאָך

רווחים. די רעאַליסטישע קונסט איז טאַקע רחבותדיק, עפּיש און — סטאַטיש, פּאַוואָליעדיק-מאַיעסטעטיש.

3. דער דעטאַלער געמעל, די דעטאַלע אַרט-שילדערונג, דאָס אָפּמאָלן „מיט אַלע פּיטשעווקעס".

דער רעוואָלוציאָנערער רעאַליזם לייקנט די אַלע דריי הויפּט-שטריכן פון קלאַסישן רעאַליזם. פּונקט ווי דער מאַרקסיזם אין לעבן, אַזוי נעמט אויך דער רעאַליזם אין דער קונסט די מאַסע פאַרן העלד; דאָס הייסט נישט, אַז עס ווערט נישט אַרויסגערוקט קיין טיפּ, אָדער קיין פּערזענלעכקייט — אָבער דער טיפּ איז אַן אויסדרוק פון אַ שיכט. אויך די סטאַטישע אַקציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די פּראָלעטאַרישע קונסט מוז זיין דינאַמיש, טעמפּפּול — אַזוי ווי דאָס איז דאָס לעבן אַרום. און כּדי די שילדערונג זאָל וואָס שטאַרקער ווירקן, ווערט אָפּגעוואָרפן דער דעטאַליזירטער געמעל, וועלכער פאַרוויקלט און פאַרנעפּלט דאָס בילד, דעם געדאַנק, אין וועלכן עס פאַרלירט זיך דער איינדרוק.

מיצמאַכערס „מענטשן" זענען נישט קיין אינדיווידואַליסטישע קונסט-זאַך. עס ווערט באַשריבן אַ שיכט — פּריקאַזשטשיקעס. זיי ווערן באַשריבן אין זייער טעגלעכן לעבן — צוזאַמען מיט זייערע עקספּלאָאַטאַטאָרן, די רב נאָסקעס און רב מנשקעס. אין די „מענטשן" האָט איר שוין נישט דעם אַמאָליקן עלעגישן געמעל, דעם מעלאַנכאָלישן טאָן, די אימפּרעסיאָניסטישע פאַרנעפּלטקייט, דעם פּסעוודאָ-פילאָזאָפישן אַרט-רעפלעקסעווען. די „מענטשן" זענען געשילדערט לייכט, געמיטלעך, מיט הומאָר. און נישט רעכט האָבן די קריטיקער, וועלכע וואַרפן פאָר דעם מחבר פון די „מענטשן" זיין געמיטלעכקייט און הומאָראַרטיקן טאָן, האַלטנדיק, אַז דאָס איז אַ פאַרבלייבעניש פון אַמאָליקן „שמאַטע-קלויבער"-סטיל.

הומאָר — נישט בלויז דער סאַטיריש-בייסיקער, נאָר טאַקע דער מיצמאַכערישער, דער זוניקער — איז היינט צו טאָג איינער פון די מאָדערנסטע קינסטלערישע מעטאָדן אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן הומאָרפולן טאָן,

פליסן די באַשרייבונגען און געשעענישן אין איגנאַציאָ סילאָנעס „פאָנטאַמאַראַ“, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ מוסטער־ווערק פון אַנטי־פאַשיסטישער בעלעטריסטיק. אויך ביי סילאָנען (נישט נאָר ביי מיצמאַכערן) האָט איר נישט דעם עפעקטישן, קנאַקעדיקן סטיל, די פאַטעטישע שלוס־אַקאָרדן. דורך מינאָר־טענער — און דאָס צוגעפּאַסט צו איטאַליענישע אָפּגעשטאַנענע פויערים און צו יידישע גזשיבאָווער אָפּגעשטאַנענע פריקאַזש־טשיקעס — קען מען דערגרייכן שטאַרקע קינסטלערישע עפעקטן.

אָבער אין די „מענטשן“ האָט זיך נוקם געווען דער נאָך קריטיש נישט באַזיגטער באַלאַסט פון נאַטוראַליסטישן סטיל. דער נאַטוראַליזם מיט זיין דעטאַליזירטן זאַכן־ און געשעענישן־געמעל האָמעוועט דעם לויף פון דער אַקציע, לאָזט נישט צו קיין דינאַמיק. אין די „מענטשן“ איז קיין אַקציע כמעט ווי נישטאָ. מיצמאַכערס מעטאָד איז אַבסאָלוט נישט קיין דינאַמישער. עס איז די זעלבע סטאַטיק, די שטייגער־שילדערונג פון „שמאַ־טע־קלויבער“. יאָ — מיצמאַכער דערפירט פּאַוואָליע צום שטרייק, וואָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער שריט פאָרויס צום רעאַלי־סטישן שאַפונגס־מעטאָד, אָבער איינער פון די הויפּט־שטריכן פון פראָלעטאַרישער קונסט, די דינאַמיק, איז דורך מיצמאַכערן נישט באַלעבט געוואָרן.

ווי געזאָגט, נעמט זיך דער פאָזיטיווער, דער רעאַליסטי־שער דאָמינירנדיקער מאָטיוו אין די „מענטשן“ פון דעם טיילווייז דורכן מחבר באַהערשטן דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם. די בולטסטע אילוסטראַציע דערצו, אַז אַזוי איז עס ווירקלעך, איז דער איינפלוס פון מיצמאַכערס אידעאָלאָגיש־סטיליסטישער איבערבאַוואָפענונג אויף אַ ריי ווערק פון די פריערדיקע פעריאָדן.

מיט איניקע יאָר צוריק האָט מיצמאַכער אָנגעשריבן די נאָוועלע „זאַוולס צוריקקער“, ווו ער שילדערט די טראַגעדיע פון אַ מלחמה־אינוואַליד, וועלכער קערט זיך אום אויף קוליעס אַהיים. די פּאַסירונג איז געשילדערט מיט אַ שטאַרקן, לירישן רעאַליזם, וועלכער איז זעלטן אין אַנדערע מיצמאַכערס זאַכן.

די נאָוועלע האָט זיך געענדיקט מיטן זעלבסטמאָרד פונם אינוואַליד.

די ענדע איז, ווי מען זעט, אַ טרויעריקע — פונקט ווי די ענדע פון דעם גרעסטן טייל מיצמאַכערס זאַכן. דער טרויעריקער סוף איז נישט, נאַטירלעך, אין קעגנזאַץ צום מאַרקסיסטישן אויפפאַסן פון מלחמה־פּראָבלעם, ווייל אויך דער פאַרצווייפלסטער, נישט אויסגעהאַלטענער שריט פון אַ מלחמה־קרבן רופט אַרויס אַנטי־מלחמה־שטימונגען. אָבער ווען מיצמאַכער האָט זיך איבערבאַוואָפנט, האָט ער זיך פאַרטראַכט איבער דער מלחמה־נאָוועלע און איינגעפונען, אַז זי איז פּאַציפיסטיש, אַז זי ווייעט מיט סענטימענטאַליזם; ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ צווייטן וואַריאַנט: דער אומגליקלעכער מלחמה־קרבן באַגייט נישט זעלבסטמאָרד, נאָר ער זוכט פאַרבינדעטע, ער זוכט די אינוואַלידן־מאַסע, ער וויל זיך קעגנשטעלן...

* *
*

אָט דאָס איז אין קורצן געפּאַסט דער אַנטוויקלונגס־וועג פון דוד מיצמאַכער. זיין וועג גייט פון קונסט־לשם־קונסט און דעקאַדענץ, דורך נאַטוראַליזם, פילאַנטראָפּיע־אידעאָלאָגיע און פּאַציפיזם צו אַרבעטער־טעמאַטיק, און פון דאַנען צום רעאַליזם.

און אויב מיר וועלן מיצמאַכערס וועג פון דריטן פּעריאָד אָנהויבן רעכענען פון „יאַנקל וויביטקער", קענען מיר דעם מחבר פון די „מענטשן" ווינטשן, ער זאָל גיין קאָנסעקווענט זיין אידעאָלאָגיש־סטיליסטישן וועג און פון דעם קינסטלערישן תיקון פון דעם משרת וויביטקער, איבער דעם דערציילערישן רעפּאָרטאַזש וועגן די פּריקאַזשטשיקעס, זאָל ער אַריבערגיין צו אַ העכערן שטאַפּל, צו געבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק פון דעם קעגנוואַרטיקן, ציל־באַוווסטן, פּראָלעטאַרישן אָנגעשטעלטן.

**ב. מאַרק**

וואַרשע סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1934

# 1

## דער אמתער באַלעבאָס

דער רעכטער באַלעבאָס, ס׳הייסט דער גרעסטער שותּף פון דער גרויסער פּאַפּיר-קראָם, איז אַ גאַנץ ווילער מענטש, נאָר אַ גרויסער פּלאָשער. אַ מויל איז ביי אים אַקוראַט ווי דער ווינט. אַ וואָרט איז קיין וואָרט נישט. אַט רעדט ער אָפּ אַ זאַך און ער רעדט מיטן גאַנצן פּנים, מיט די הענט און מיט אַלע אבֿרים — און עס דאַכט זיך, עס בלייבט שוין אַזוי. און מיטאַמאָל, טאַקע באַלד נאָך דעם צעיאַכמערטן רעדן, איז פּיפּאַ, עטשעפּעטשע, און עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.

אַז ער נעמט צו אַ נייעם „מענטש", זאָגט ער אים צו פון פויגל-מילך. אויף צו זאָגן איז ער גלאַט נישט קאַרג. אויב דער „מענטש" איז נאָך אַ בחור, זאָגט ער אים צו חתונה צו מאַכן אויף אַ גאָר לייטישן אופן. און אויב ער איז שוין אַ באַווייבטער — זאָגט ער אים אפילו צו בייהילפיק צו זיין ביים אָפּגטן דאָס ווייב. ער אַליין פאַרלאַנגט נאָר פון נייעם „מענטש" איין זאַך: ערלעכקייט, און געבן אַביסל אַכטונג אויף אַלע איבעריקע. וואָרן די ברידער מיינע, מיינט איר — האָט ער ליב צו זאָגן — קען מען נישט אַרויסטראָגן פון געשעפט צוזאַמען מיט די פּאָליצעס. כע! כע!

און אָט אַזוי מיט גוטע ריידלעך און מיט הוילע צוזאָגן שאַפט ער זיך יעדעס מאָל איין אַ פרישן „עבֿד" — אָט אַזוי רופט ער זיינע „מענטשן" — און ער האָט ליב, אַז אַרום אים זאָלן זיך דרייען וואָס מער „עבֿדים".

ס׳ערשטע מאָל פאַרבעט ער אַריין דעם נייעם „מענטש״ אין קאַבינעט און רעדט מיט אים לאַנג און דערציילט אים ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך דאַנקען גאָט אַרויפגעאַרבעט. „און דאָס אַלץ״, חזרט ער איבער עטלעכע מאָל, „ווייל איך האָב נישט געוואָלט וויסן פון די „פּאַריינעס״ מיט די שטרייקערס, נאָר ערלעך און געטריי געדינט מיינע באַלעבאַטים״.

און דערביי שמייכלט ער צו מיט אַזאַ קלוג טשעקאַווע שמייכעלע, וואָס דאַרף באַווייזן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז הוילער אמת.

אַביסל שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז פּונקט אַזוי שמייכלט ער צו די סוחרים און פאַבריקאַנטן, וועלכע ער קלייבט זיך אָנדרייען אַן אויער ווי ס׳געהער צו זיין.

## 2

## ניקאָלאַיס פאַרמעגן

לפנים איז זונטיק דאָס געשעפט פאַרמאַכט, פּונקט ווי אַלע איבעריקע געשעפטן. היינטגאַרום אַרבעט מען אָבער גאַנץ געשמאַק אַ גאַנצן טאָג און טיילמאָל נאָך לענגער ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג. קרעמער קומען זעלטן און עס פעלט נישט קיין פּדיון. אָבער אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ. מ׳פּאַקט אויס קאַסטנס סחורה, מען לייגט איין אין די פּאָליצעס און מ׳רוימט אויף אין יעדן ווינקל. דער רעכטער באַלעבאָס, דער הער אָווסעי, האַלט זייער שטאַרק פון דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס איז, זאָגט ער, דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען מ׳טוט עפּעס פאַר זיך. אַזוי זאָגט ער, אַרבעט מען דאָך נאָר פאַר די „חזרים״ און „סוואָלאָ-טשעס״. פאַר די קרעמער הייסט עס, כּדי זיי זאָלן קענען אָנ-זעצן און זיך מאַכן אַ גרינג לעבן.

מיר געפעלט גלאַט די זונטיקדיקע אַרבעט, ווייל מ׳שטייט איין אויף אַן אָרט און מ׳קאָן בעת-מעשה כאַפּן אַ שמועס. רב נאָסקע, איינער פון די באַלעבאַטים, וועלכער שטייט אַ גאַנצן

טאָג אין קראָם, און געטרויט נישט זיינע אייגענע פינגער, האָט אָפּט ליב אַ פּלוידער צו טון פון פאַרגאַנגענע צייטן. ס׳רוב שטייט ער איבער אַ גרויסן בוך און קאָנטראָלירט די חשבונות. די ברילן זיצן אים שטענדיק אויף דער שפּיץ נאָז און די אויגן זיינע קוקן ווייט פון דער זאַך, אויף וועלכע זיי קוקן איצט איבערגעמאַכט... אין אָפּטמאָל איז שווער צו דערגיין, צי קוקט ער טאַקע מיט די אויגן, אָדער מיט די בלויזע גלעזלעך פון די ברילן.

איז אָט דאָ אַנומלטן טוט רב נאָסקע פּלוצלונג אַ פרעג דעם „טורקעסטאַנער״:

— טאַקע, זאָג דעם אמת, הערשל, האָסט מיט דיינע אייגענע אויגן געזען ניקאָלאַיקען?

— מיט וועמענס אויגן דען? — ענטפערט הערשל און זיין צעקנייטשט פּנים, ווי אַ הייפּטל קרויט, לאַכט מיט הנאה. און כדי מ׳זאָל אים שוין אינגאַנצן גלויבן, גיט ער באַלד צו:

— ער האָט אַפילו אָנגערירט אין מיר מיט זיין שינעל.

ר׳ נאָסקע אָבער פאַרגינט אים נישט אַזוי גיך און ער טוט אים טאַקע באַלד ווידער אַ פרעג:

— שאַ, זאָג, אַ הויכער צי אַ נידעריקער? נאָר נישט געקלערט!

— וואָס האָב איך צו קלערן — ענטפערט הערשל — אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן. נישט קיין הויכער און נישט קיין נידעריקער.

— אָט — דערלאַנגט ר׳ נאָסקע ביטולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט — זאָג דעם אמת, אַז ס׳האָט זיך דיר געחלומט.

הערשל אָבער לאָזט זיך אויך נישט. ער שווערט זיך ביי ווייב און קינד, אַז ער האָט ניקאָלאַיען יאָ געזען. און נישט בלויז ניקאָלאַיען.

— און די צאַריצע — זאָגט הערשל — האָב איך נישט געזען? אַ וואַזשנע נקבה. זי אַליין איז געקומען צו מיר אין לאַזאַרעט, זיך אויסגעפרעגט אַהין און אַהער, פונוואַנען איך בין און ווו ראַנירט? איך קאָן אייך אַפילו ווייזן דאָס מעסערל, וואָס זי האָט מיר געגעבן.

דאָס מעסערל האָט ער נאָך אָבער קיינמאָל נישט געוויזן. ער זוכט עס שטאַרק אין אַלע קעשענעס. אָבער שטענדיק לאָזט עס זיך אויס מיט אַ תּירוץ: דאָ האָט ער עס געלאָזן אין שטוב. און דאָ האָט עס זיין ווייב גאָר אַוועקגעבאָרגט אויף אָנצוקוקן. און אַזוי, אַ צעטומלטער אַביסל פון זוכעניש, זאָגט הערשל פלוצלונג און ציט די ווערטער אַזוי פּאַמעלעך, כּדי ער זאָל מסתּמא נישט קיין טעות האָבן:

— ביי אונז אין לובלין, זאָגט מען, אַז ניקאָלאַי האָט פאַרמאָגט אַ סך געלט.

— דהיינו וויפל? — ווערט דער עולם טשעקאַווע.

— כ'ווייס, אפשר דרייסיק טויזנט רובל.

נו, האָט עס זיך אָפּגעטון. הערשל שטייט נעבעך אַ צעטומלטער. און מיינענדיק אַפּנים, אַז ער האָט געזאָגט צופיל דערלאַנגט ער זיך אַ כאַפּ צוריק:

— כ'ווייס אפשר פינפאונצוואַנציק טויזנט. אין דעם ערך.

איינער פון די „מענטשן" איז אַקוראַט געשטאַנען אויף אַ הויכן לייטער־שטאַפּל. און ווען ער כאַפּט זיך נישט אָן ביי דער פּאָליצע, וואָלט ער צוזאַמען מיטן לייטער און מיט אַ פולן בויך געלעכטער אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

דער סוף איז געווען, אַז הערשל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי פינפאונזעכציקטויזנט קאַרבן. מער, זאָגט ער, האָט ער זיכער נישט געהאַט, ניקאָלאַי. ער האָט אים נאָך דערלייגט אַ פּאַלאַץ, עטלעכע הייזער אין פּעטערבורג, פעלדער און שיפן, נאָר געלט האָט ער אים נישט געוואָלט דערלייגן קיין איין גראָשן נישט.

## 3

## הערשל

דעם צונאָמען „טורקעסטאַנער" האָט הערשל געקריגן ווייל ער האָט אַן אָפּגעסמאַלעט פּנים — אַחוץ וואָס עס איז גלאַט ברודיק און פאַרסאַדזשעט — און ווייל ניקאָלאַי האָט אים גע־

שיקט דינען אויף פיר יאָר צייט קיין טורקעסטאַן, אין דער שטאָט אַסכאַבאַד.

בעת דער וועלט-מלחמה און אין דער צייט פון געפּאַנ־גענשאַפט איז הערשל אויסגעווען אפשר אַ האַלבע וועלט. נאָר אַלץ „אונטער". ער איז געווען אונטער מאָסקווע, ער איז געווען אונטער ווין, אונטער פּאַריז און אונטער בערלין. אַלץ „אונטער". די שטעט, זאָגט הערשל, זענען ביי אים נישט קיין נייעס. ער האָט שוין, זאָגט ער, געזען עפּעס שענערס. נאָר ווי אַ שטייגער הערשל האָט שוין געזען עפּעס שענערס ווי בערלין און פּאַריז — דאָס קען מען ביי אים נישט געוואָר ווערן.

— וואָס טויג מיר די גרויסע שטעט — זאָגט הערשל — יעך האָב ליב דאָס קלענערע אָרט. דאָרט קען מען זיך בעסער קערעווען. איר זעט דאָך, אַז פון „לאַגער" אַפילו בין איך אויך אַהיימגעקומען מיט קעשענעס קראָנען.

ער איז אַ טייערער יונג דער הערשל. אַבי מ׳גיט אים נאָר אַ פּאַפּיראָס. פּאָר אַ פּאַפּיראָס טוט ער אַלצדינג. ער העלפט צו אין אַן אַרבעט, וואָס געהער נישט צו זיין „טשין" און טראָגט צו מיט אַ לאַכנדיק פּנים אַ פיין גלעזל טיי. (אַמבעסטן האָט ער ליב זיך פּאָרען יעדן טאָג אַ פּאָר שעה ביי דער טיי און בעת־מעשה אַרויסקנייפּן פון דער קעשענע שטיקער פּריש ברויט) און פּאָר די אַלע, וואָס רויכערן נישט און גיבן אים נישט קיין פּאַפּיראָס, האָט הערשל אויף אַלץ נאָר איין ענטפער, וועלכן ער רעדט אַרויס מער מיט דער נאָז ווי מיטן מויל און דווקא אויף רוסיש:

— „פּרי סוואָלאָטשו — זאָגט ער — ניקאַגדאַ שאַפּקו ניע סנימאַי".

אויף פּראָסט לשון מיינט הערשל דערמיט צו זאָגן:

— „נישקשה. ביסט נישט חולה אַליין זיך צו נעמען טיי".

הערשלס אַרבעט אין דעם גרויסן געשעפט איז: אַ גאַנצן טאָג זיך פּערדלען מיט דעם האַנטוועגעלע פון איין שפּייכלער אין אַנדערן און באַזאָרגן די אַלע נויטיקע סחורות וואָס מ׳דאַרף אַקוראַט אונטער דער האַנט. דעמאָלט אָבער ווען מ׳דאַרף אים,

איז הערשל קיינמאָל נישטאָ. ס׳איז שוין ביי אים אַזוי אין דער טבע. הערשל אַליין דערציילט ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט ניקאָלאַיען בעת דער סלוזשבע אין אַסכאַבאַד. אַ גאַנצן טאָג פּלעגט ער זיך אַרומדרייען איבער דער שטאָט מיט אַ קענדל פון נאַפט אין דער האַנט און האָט זיך געפירט זיינע געשעפטן. און קוים האָט אים עמעצער פאַרטשעפּעט האָט ער נישט מער ווי אַ ווייז געטון אויפן קענדל און געזאָגט „זאַ קעראָסין, פאָדיעלאָם סלוזשבי״. און ער איז שוין געווען פּטור.

ער האָט נאָר געטון איין נאַרישקייט, הערשל, וואָס אָט די מעשה מיטן נאַפט האָט ער אויך דערציילט רב נאָסקען. איז ווי נאָר הערשל נעמט אַמאָל עפּעס וואַנדזשען אונטער דער נאָז — אַז מ׳זאָל נישט פאַרשטיין, וואָס ער רעדט — און פּרוּווט זיך אַרויסדרייען פון אַן אַרבעט, טוט אים רב נאָסקע באַלד אַ דערמאָן: „אַהאַ. דאָס וויל ער שוין איצט מאַכן ווי „זאַ קעראָסין״. און באַלד דערנאָך, שוין אַריינקוקנדיק אין חשבונות-בוך, זאָגט ער נאָך צו מיט דראָענדיקער אָנצוהערעניש:

— ער שפּילט דאָס דאָ ראָלעס.

נאָר דאָס שענסטע איז ווען פון אַלע זייטן נעמט מען פּלוצלונג רופן: „הערשל! הערשל!״ אַקוראַט ווי דעם קוראַנטסטן אַרטיקל אויף דער וועלט. אַמייסטן אומגעדולדיק איז דאָס קאַנטאָר. (דאָרט שמעקט נישט מסתמא די טיי אָדער עס האָט אויסגעפעלט צוקער). אין אַזאַ צייט זיצט זיך הערשל געוויינלעך אין הער אָוסעיס קיך וואָס אויפן זעלביקן הויף, און לאָזט זיך מכבד זיין פון דער קעכין מיט רעשטלעך פון גבירישע מאכלים. און דערנאָך ווען הערשל באַווייזט זיך שוין ענדלעך, ווערט ערשט מיט אים רעכט לעבעדיק. רב נאָסקע און רב מנשהקע און די פּריקאַשטשיקעס אַפילו דערלאַנגען זיך אויף אים אַ וואָרף ווי די כלבים. הערשל מאַכט ווי געוויינלעך אַן אַנשטעל, אַז ער פלייסט זיך, הערט כלומרשט נישט וואָס מען רעדט און פרעגט זיך:

— נו, אין וועלכן שפּייכלער פאָרן?

רב נאָסקע אָבער נעמט אים אויפן פאַרהער:

— ווי ביסטו געווען ווי?

— וואָס הייסט ווי?

— איך פרעג דאָך אייך ווי, טאָ וואָס זאָגט איר מיר „ווי״?

און וויבאַלד רב נאָסקע נעמט אים פּלוצלונג זאָגן „איר״ מוז ער שוין זיין שטאַרק אין כּעס.

הערשל זוכט נישט לאַנג אַן ענטפער.

— אָוווסעי — זאָגט ער — האָט מיך געשיקט.

— ווי? אַ ליגן! אָווסעי זוכט דיך אויך אַרום.

— זי, פּאַלטשע (אָווסעיס ווייב) האָט מיך געשיקט נאָך עפּעס פאַרן קינד — געפינט הערשל באַלד אַ צווייטן ענטפער.

— אויך אַ ליגן! — שרייט רב נאָסקע — דאָס האָט ער שוין געמאַכט „זאַ קעראָסין״. אַז דאָ זענען אַלע נאָר אויף אָפּצונאַרן!

הערשל ווערט קנאַפּ נתפּעל פון רב נאָסקעס רייד. ער ווייסט, אַז די רעכטע דעה האָט דער הער אָווסעי. און דער הער אָווסעי האָט אויפן קאָפּ בילכערע זאַכן ווי הערשלען. פונדעסטוועגן טוט ער זיך אַ שפּאַן איין אין ווענעלע און פּאָרט צו צו אַ שפּייכלער אַהערברענגען סחורה. ביז דער מאַגאַזינער קלויבט אויס די אַלע מינים פאַרקלייבט זיך דערווייל הערשל אויפן ביידעמל און אונטער דעם, פון דער זון־צעוואַרעמטן דאַך, שלאָפט ער גיך איין. דערווייל ווערט שוין דער מאַגאַזינער פאַרטיק, נאָר ער זעט נישט הערשלען. נעמט ער אים רופן אין שפּייכלער און איבערן גאַנצן הויף. הערשל אָבער פּאָפט ווי נאָך אַ באָד. שאָ וואָס וועט ער, דער מאַגאַזינער, דאָ שטיין. נעמט ער און פאַרשליסט דעם שפּייכלער און קומט אין געשעפט זוכן הערשלען... ערשט אָוונטצייט, שוין האַרט פאַרן שליסן די קראָם, ווען מ׳האָט שוין הערשלען אפילו אַרומגעזוכט אין דער פּאָליציי, קומט צו לויפן עמעצער פון יענעם הויף: באַשר אין די טירן פון שפּייכלער, זאָגט ער. זעצט עמעצער פון אינעווייניק אַזוי שטאַרק, אַז די שויבן פון אַרום ציטערן אַזש...

# 4

## דער הער אָוסעי

פיר שותּפים זענען זיי, די באַלעבאַטים פון דעם גרויסן געשעפט. דריי ברידער און איין פּלימעניק, רב נאָסקעס זון, הערמאַן.

דער רעכטער באַלעבאָס אָבער, דער נעמער און דער צאָלער, דער גאַנצער דעה-זאָגער, איז דער הער אָווסעי פלינט. די איבעריקע שותּפים האָבן אויך דעות. דער חסרון איז אָבער, וואָס ער, דער הער אָווסעי, הערט זיי נישט.

ער איינער, דער הער אָווסעי, האָט שטעקן אין געשעפט גאַנצע זיבעציק פּראָצענט. דאָס גרויסע הויז אויף דער מעד-גאַס איז פאַרשריבן אויף זיין נאָמען. און דער צענטראַל-שפּייכ-לער, וועלכן ער בויט איצט — כּדי נישט זיין צעוואָרפן איבער דער שטאָט מיט עטלעכע קלענערע שפּייכלערס איז אויך פאַר-שריבן אויף זיין, אָווסעיס, נאָמען.

אויב, זאָגט ער, עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ יושר-דיקער מענטש, איז עס ער, דער הער אָווסעי פלינט. ער זאָגט דאָס אַקעגן זיינע ברידער. וואָרן סך-הכּל זענען זיי דאָך ביי אים געווען, זאָגט ער, בלויז „מענטשן" ווי אַלע איבעריקע. נאָר אַזוי ווי מיט אַ „מענטש" אַפילו מיט דעם געטרייסטן איז מען קיינמאָל נישט זיכער, האָט ער זיי געמאַכט פאַר שותּפים — אַגב, איז עס דאָך פאָרט ברידער — און היט אייך, זאָגט ער, אייער פאַרמעגן.

אין קראָם אַריין קומט ער ווייניק. סיידן ווען ער דאַרף זיך אַביסל אויסשרייען. ס'איז שוין ביי אים אַזאַ טבע יעדע פאָר טעג זיך אָנשרייען ביז עס זעצט זיך אים אַ שוים אויף די ליפּן און ער ווערט הייזעריק. פריער הויבט ער אָן ביי די „מענטשן", נאָר ער רופט נישט אָן קיינעמס נאָמען. דערנאָך נעמט ער זיך צו זיינע ברידער. זיי טויגן, זאָגט ער, פאַר שמשים אין דער חברה ש"ס און נישט אין אַ געשעפט. ער

זאָגט זיי אַריין אָן אַ שיעור מאָל, אַז זיי זענען בהמות און אידיאָטן און בעת־מעשה האָט ער גרויס הנאה דערפון. דערנאָך לויפט ער ראַפּטום אַרויס פון קראָם, דערלאַנגט אַ האַק מיט דער טיר און באַווייזט זיך ווידער אין עטלעכע טעג אַרום.

אין קאַנטאָר וואָס איז מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג נעבן געשעפט, האָט זיך דער הער אָווסעי פלינט זיין קאַבינעט מיט אַ ספּעציעלן טעלעפאָן. אַ גאַנצן טאָג רעדט ער מיט פּרעזעסן, דירעקטאָרן און פאַבריקאַנטן. ער רעדט מיט אַ שפּריץ און מיט נאַסע ליפּן, און אין זיין טעלעפאָן־טרייבל קלייבט זיך שטענדיק אָן אַ זומפּל. אין אַ באַשטימטע שעה רופט ער אַריין צו זיך די מאַשיניסטין און דיקטירט איר די קאָרעספּאָנדענץ און בעת־מעשה קען ער זיך נישט אָפּטשעפּען פון די זינדיקע געדאַנקען וואָס באַפאַלן אים תמיד ביים דיקטעווען די בריוו. ערשט אַז עס מאַכט זיך אים אַ ביסל פרייע צייט דרייט ער זיך אַרום אין קאַנטאָר צווישן די בוכהאַלטאַרס, קלאָגט אויף די שלעכטע געשעפטן און לאַכט און חזרט זיך איין די וויצן וואָס עס זאָגט דער פּראָקורענט פליג, דער אָ, וואָס פאַרפעלט נישט צו קויפן קיין איין וויצן־בלאַט און געדענקט פון דאָרט אַלץ פון וואָס דער באַלעבאָס קאָן נאָר אַ הנאה האָבן.

דער הער אָווסעי פלינט איז אַ גבאי אין דער סינאַגאָגע און שבת טראָגט ער אַ צילינדער. ער וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט אַבי צו ווערן אַ דאָזאָר אין דער גמינע, כאָטש אַ דאָזאָר, זאָגט ער, אויך מיר אַ יחוס, היינטיקע דאָזאָרעס מ׳שטיינס געזאָגט.

ער האָט אויך ליב צו געבן צדקה און דווקא אַ שיינע מטבעה. אָבער נאָר דעמאָלט ווען עס קומען צו אים די גאָר שיינע יידן, ס׳הייסט אַזעלכע וואָס לאָזן זיך רופן מיטן נאָמען: „פּרעזעס״ אָדער „פאָלקס־פאָרשטייער״. אַלע איבעריקע זאָגט ער, אַז דער הער אָווסעי איז איצט נישטאָ און ער שיקט זיי אָפּ צו זיינע שותפים, אַז יענע זאָלן זיי שוין אָפּפּטרן.

אַמייסטן האָט ער ליב צו געבן געלט אויף ישיבות. ס׳וואָלט אים נישט געאַרט, זאָגט ער, ווען אַלע איבעריקע קרעמער, ס׳הייסט

זיינע קאָנקורענטן, זאָלן ווערן מלמדים, צי גאָר רביים. ער וואָלט שוין אויסגעקומען, זאָגט ער, אָן זיי אויף אַ גאָר גוטן אופן.

דער הער אָוועסי פלינט האָט אויך ליב אויסצוזידלען אַ קליינשטעטלדיקן קרעמער אויב יענער לאָזט זיך נישט בארייסן אין חשבון אַקוראַט אַזוי ווי ער, אָוועסי, וויל. ער פארפעלט אויך נישט יעדן טאָג אָנצומעסטן אויף אַ פערטל שעה דעם טלית און תפילין. און ער האָט סתם אַמאָל אַ הנאה זיך אָנצושווערן אויף אַ ליגן, אַז עס איז ריינער אמת...

# 5

## הערמאַן

הערמאַן, רב נאָסקעס זון, איז נאָך אַ בחור און ער האָט אַ טבע צו דלאָבען מיט די פינגער אין די נאָזלעכער. אין געשעפט און סתם צווישן מענטשן רופט ער זיין פאָטער „פאַפאַ”. רב נאָסקען, צו זיין פנים און צו זיין באָרד און צו זיינע תמיד צעקנעפלטע הויזן — מחמת ער איז אַ גערער חסיד — פאַסט זיך אַזוי דער נאָמען, ווי אַ קאָזאַק אַ טלית. טיילמאָל ווייסט ער אַפילו נישט וועמען הערמאַן מיינט דאָס און ער פרעגט מיט כעס (ער איז דאָס רוב אויפגערעגט): „וועמען רופסטו?” הערמאַן ווידער, טאָמער פאַרגעסט ער אַמאָל און זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „טאַטע”, טוט ער זיך אַ כאַפּ צוריק, גלייך ער וואָלט זיך אָפּגעבריט די שפּיץ צונג.

אויף הערמאַנען זאָגט מען, אַז ביי אים וואַקסן די יאָרן אין דער ברייט, מחמת ער איז אַ קורצער און אַ גראָבער. זיין היפּשלעך פּנים איז גראָב און ווייך, ווי אויסגעקנאָטן פון קיט. זיינע אויגן — צוויי פולע שיסעלעך וואַסער, וואָס אָט-אָט דאַכט זיך, וועלן זיי זיך אויסגיסן. און זיין נאָז, אין וועלכער ער דלאָבעט מיט די פינגער אַזויפיל יאָר, איז ווי אַ בייזער שפּאַס פון אַ בעקער, וואָס וואַרפט אַרויף אַן איבעריק טייגל אויף אַ לאַטן שטריצל.

אַמאָל־אַמאָל, ווען רב נאָסקע איז געווען אַ „מענטש" ביי יענעם און געאַרבעט אַלס אויפזעער ביי שאָסייען, האָט הערמאַן געהייסן אַ יידישן נאָמען און געלערנט אין אַ ישיבה. היינט זיצט הערמאַן אין קאַנטאָר און קאַלקולירט די פּרייזן. ער איז דער קענער און פיינשפּרעכער מיט די אויסלענדישע פאַברי־קאַנטן. אָווסעיען רופט ער „אָנקל". און ער האָט מיט אָווסעיען געגנוג איינגעחזרט, אַז ער זאָל אים, הערמאַנען, רופן: „מיין נעפּפע".

# 6

## די איבעריקע שותּפים

די איבעריקע צוויי שותּפים, רב נאָסקע און רב מנשקע, שטייען אַ גאַנצן טאָג אין קראָם און היטן זיך אָפּ, אַז איינער זאָל מאַכן עפּעס אַ שלעכט געשעפט, כּדי דער אַנדערער זאָל קאָנען דערפאַר אים צונעמען די לעבער.

ביידע האַלטן נישט פון קאַנטאָר און פון די בוכהאַלטערס און פון די פּלעריליי גראָבע פודיקע ביכער, אין וועלכע מען האַלט אין איין שרייבן. רב נאָסקע זאָגט, אַז דאָס גאַנצע קאַנ־טאָר איז אַן אומזיסטע הוצאה. גאַנצע טעג, זאָגט ער, קלאַפּט מען אויף די מאַשינעס און מען שרייבט אין די ביכער און ווי עס קומט עפּעס צו אַ מעשה, קען מען ביי זיי קיין טאָלק נישט דערגיין.

דערויף דערלאַנגט רב מנשקע אַ צוואָרף ביידע הענט און ענטפערט רב נאָסקען מיט אַ געבייזער (עס הייסט בייזערן בייזערט ער זיך קיינמאָל נישט, נאָר ביי אים איז שוין אַזאַ טבע צו רעדן אַלצדינג מיט אַ געבייזער).

— טאָ וואָס — זאָגט ער — דערציילסטו דאָס מיר? זאָג דאָס אים און קאָנטשענאָ!

„אים" — מיינט ער אָווסעיען, דער, וואָס האָט די גאַנ־צע דעה.

— אים — טוט רב נאָסקע אַ קרים דאָס פּנים מיט אַ

ביטול-שמייכל — דו קענסט נישט זיינע משוגעתן? רעד מיט אַ פלוט!

— איך וויל אויך נישט רעדן מיט אַ משוגענעם!

אַזוי געשעט עס שוין שטענדיק. ווי נאָר זיי ווייסן, אַז זיי וועלן נישט פועלן ביי אָווסעיען עפּעס אַ זאַך, מאַכן זיי אים באַלד פאַר אַ „משוגענעם".

# 7

## רב באָסקע אין מאַנטל

דער סאַמע עלטסטער אין די יאָרן איז רב נאָסקע. ער האָט אַ מאָגער בייז-פאַרזויערט פּנים, ווי אַ גאָנער. סיי זומער, סיי ווינטער, האַלט ער שטענדיק די הענט אויף הינטן פאַר-שטעקט אין די אויסגעריבענע אַרבל. דער פאַרפעצטער פּלו-שענער קאַפּעלוש זיצט אויף זיין קאָפּ שטענדיק אין דער ברייט. די לאַנגע גראָלעכע האָר קריכן אים אין האַלז אַריין און פון דאָרט פּלאָנטערן זיי זיך ווייטער ביז דער לאַנגער, שיטערער באָרד. זיין אויסגעריבענער פּאַלטן האַלט זיך פאַרמאַכט אויף איין קנאָפּ אינדערהויך. און אַז רב נאָסקע נעמט עפּעס זוכן הינטערן פּאַלטן, אין זיינע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט פּאַפּיר-לעך, בלייבט ער שטיין, ווי פאַרחושכט, מיט די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז און מיט צעקנעפּלטע הויזן.

איי, ווען נישט די באָלשעוויקעס, זאָגט רב נאָסקע, וואָלט ער גאָר פאַרשפּאָרט די גאַנצע מאַטערניש, אַרומצוקריכן זיך מיט אַ וועלט מענטשן און צו שטיין אַ גאַנצן טאָג אין קראָם אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פאַר די עטלעכע פּראָצענט, וואָס אָווסעי האָט אים צוגעטיילט. ווען נישט די באָלשעוויקעס, זאָגט רב נאָסקע, וואָלט ער נישט געהאַט אַזאַ אָנגעפּווישטן ליי-דיקן בויך מיט יסורים און דעם מיחוש אין דער רעכטער זייט, וואָס אַז עס דערלאַנגט אים אַ כאַפּ אָן, איז ער גרייט צו פאַרלייקענען ווייב און קינד.

אָט איז אַנומלטן געשען אַ מעשה אַקוראַט, ווען עס האָט רב נאָסקען געגעבן אַ כאַפּ אָן:

אין קראָם איז אַריינגעקומען דער שדכן, אָט-אָ-דער, וואָס איז אויך אַ בעל-קורא און פאַר פּסח האַנדלט ער צו מיט מצות און פאַר סוכּות — מיט אתרוגים. ער גייט שוין צו רב נאָסקען שיינע עטלעכע יאָר און וויל מיט געוואַלט אויסגעפינען אַ שידוך פאַר רב נאָסקעסביידע קינדער — פאַר דער טאָכטער, וואָס איז געראָטן אין דער מאַמען, מיט איר הויך, דיק און ברייט, און פאַר הערמאַנען. דער שדכן קומט שטענדיק מיט אַ לאַכנדיק פּנים און איז זיכער, אַז אָט-אָט האָט ער שוין דאָס ריכטיקע, וואָס רב נאָסקע וועט נישט פאַרבראַקירן. רב נאָסקע שטייט איינגעבויגן מיט אַ האַנט אויף דער זייט און מיט אַ יסורימדיק פּנים, גלייך מען וואָלט אים באַגנבעט, אָדער ווי ער וואָלט האָבן אַ פאַרדאַכט, אַז מען וויל אים באַגנבענען. און ווי דער שדכן בייגט זיך צו צו אים און וויל אים עפּעס איינרוימען, טוט זיך רב נאָסקע אַ רוק אָפּ און גיט אים אַ פרעג מיט אַ פּאָר צעגליטע אויגן:

— ווער זענט איר?

דער שדכן האָט זיך אַ דערשראָקענער געגעבן אַ וואָרף צוריק. ער האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט, צי ער האָט טאַקע נישט קיין טעות. באַלד אָבער האָט ער ווידער געפּרוווט זיך צובייגן צו רב נאָסקען און זיסלעך געחנפעט:

— רב נאָסקע, רב נאָסקע, אַ געזונט אין אייך.

— וואָס רב נאָסקע-שמאָסקע — האָט רב נאָסקע אַ צעוואַרף געטון די הענט און אים שיר נישט פאַרפאָרן מיט זיי אין פּנים אַריין — ווער זענט איר, פרעג איך אייך? איך קאָן אייך גאָרנישט?

דער שדכן האָט אַזש געגומען אונטערשפּרינגען, ווי עס וואָלט אים געוואָרפן קדחת.

— רב נאָסקע. רב נאָסקע!

— אַז איך קאָן אייך פאָרט נישט! איך בעט אייך, מאַטערט מיך נישט.

ערשט שפּעטער, ווען דער מיחוש אין דער זייט האָט אים אָפּגעלאָזט און דער שדכן איז ווידער געקומען, האָט רב נאָסקע מיט אים לאַנג גערעדט וועגן דעם פרישן שידוך.

## 8

## רב נאָסקע און די באָלשעוויקעס

אין די אַלע אומגליקן פון דער וועלט, זאָגט רב נאָסקע, זענען שולדיק די באָלשעוויקעס. ער שעלט מיט בייזע כאָלערעס דעם, וואָס האָט זיי אויסגעטראַכט. ווען מ׳שטעלט אים, זאָגט ער, אַוועק רב לייבל טראָצקין און מ׳דערלאַנגט אים, רב נאָסקען, אַ פּיסטויל אין האַנט אַריין און מ׳זאָגט אים „שיס״, וואָלט ער געשאָסן. וואָרן ווען נישט זיי, זאָגט ער, וואָלט ער היינט נישט געהאַט אַזאַ צורה ווי ער האָט און וואָלט נישט געוואָרן גראָ פאַר דער צייט. ער איז זיי שוין מוחל, די באָלשעוויקעס, וואָס ס׳האָט זיך זיי אויך פאַרוואָלט יעקאַטערינאָסלאַוו. ער קאָן זיי אָבער נישט שענקען דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אויך געטשע־פּעט צו זיין, רב נאָסקעס, פאַבריק פון גילזן און פּודעלעך. כאָטש פון דער פאַבריק, — זאָגט ער — האָט ער שטענדיק מער ווי קרענק און יסורים נישט געהאַט. ס׳איז געווען, זאָגט ער, פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער האָט געסטראָיעט שאָסייען, בלויז אַ קאָפּ־דרייעניש מיט די ראַבאָטשעס. און ווען נישט, זאָגט ער, די עטלעכע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק און געהאַט פּרנסה, וואָלט ער די פאַבריק שוין לאַנג געהאַט פאַרקויפט.

## 9

## רב נאָסקע — אַן אָרנטלעכער מענטש

— און דערומאַך — זאָגט רב נאָסקע — טאָר מען זיי נישט טרויען און נישט גלויבן, די אַלע סלוזשיטילעס און ראַ־

באַטשעס. ווייל דאָס איז איין באַנדע סוואָלאָטשעס, וואָס קוקן נאָר אויס די מינוט, אַז עס זאָל אויך דאָ ווערן אַזאַ מעשה, ווי אין יעקאַטערינאָסלאַוו. די געטרייסטע און אַפילו אייגענע טאָר מען אויך נישט גלויבן. דאָס פאַרשטעלן זיי זיך נאָר אַזוי, אָבער אין דער אמתן זענען זיי פשוטע גראַביטעלעס.

אָבער אַזוי איז זיך רב נאָסקע אַ זייער אָרנטלעכער און פרומער ייד. ער איז אויסגעבונדן מיט אַ מאַסע רבנים און סתם־שיינע יידן. ער האָט אַפילו פיינט, זאָגט ער, אויסצורעדן, אָבער דעם קינישינער רב האָט ער נאָך קיינמאָל נישט אַוועקגעלאָזט מיטן ליידיקן. אַז מ׳קומט צו אים נאָך געלט פאַר אַ ישיבה גיט ער. ער דינגט זיך טאַקע — ווייל אַלץ, זאָגט רב נאָסקע, איז געשעפט — אָבער געבן, גיט ער.

רב נאָסקע קען אַלע קרעמער. ער האָט נאָך געקענט זייערע טאַטעס און זיידעס. ער האָט זיך ליב צו באַרימען. אַז ער ווייסט אַפילו וואָס יעדער קרעמער קאָכט אויף אַ וויע־טשערע. ער איז קלאָר אין זייערע אַלע שטעטלדיקע מחלוקת. צי דאָס איז וועגן רב, וועגן שוחט, אָדער מ׳הרגעט זיך גלאַט אַרום דער מקווה. און טאָמער טרעפט, אַז אַ קרעמער וויל בעסער קוקן אין חשבון און נישט הערן די אַלע מעשיות, טוט זיך רב נאָסקע אויף אים אַ לאָז מיט זידלערייען און מיט אַ „וואָן סוואָלאָטש!״ און אַז דער קרעמער לאָזט זיך אַלץ נישט אָפּנאַרן נעמט זיך רב נאָסקע צו אים צורוקן גאָר נאָנט. זיין פנים ווערט אים קלענער און די הענט נעמען אַרבעטן פון זיך אַליין. דער קרעמער קאָן שוין אַפילו נישט אַנטלויפן, ווייל רב נאָסקע ליגט שוין אויף אים אײַנגעשפּאַרט מיט זיין אָנגעפּוישטן בויך. אמת איז טאַקע, אַז רב נאָסקע האָט נאָך קיינעם נישט געשלאָגן. מ׳הערט נאָר בלויז ווי דער קרעמער שרייט־אָפּער מיט אַ פאַרכריפּעט קול: „געוואַלט! ער קנייפּט! וואָס קנייפּט איר?״

## 10

# רב נאָסקעס אויפטוען

ס׳איז אויך געווען רב נאָסקעס אויפטו — ווי נאָר ער איז געקומען „צו לויפן" פון די באָלשעוויקעס — נישט צו פאַר־מאַכן די קראָם אויף די צוויי שעה מיטאָג־צייט. ערשטנס, האָט ער געטענהט, איז אַ שאָד פדיון; צווייטנס, האָט ער געזאָגט, האָט ביים קייזער אַליין אויך נישט געדויערט קיין צוויי שעה דאָס מיטאָג, און דריטנס — דאָס האָט ער שוין געזאָגט אין דער שטיל אָווסעיען — טויג עס גלאַט נישט. ווייל ווי נאָר מ׳גיט אַ זאָג־אַרויס דאָס וואָרט „מיטאָג" — טוען „זיי" זיך אַ ריס, ווי די כלבים. עפּעס נעמען זיי זיך פוצן צו־גיך און כאַפּן צו־גיך אויף זיך די פּאַלטנס, אַז ס׳איז אפילו נישטאָ קיין צייט אויף „זיי" אכטונג צו געבן. מיט איין וואָרט — האָט רב נאָסקע געטענהט — עס טויג נישט אַזוי פאַר אונז.

אינדערפרי קומט רב נאָסקע אין קראָם אַריין פון די ערשטע. ער נעמט זיך באַלד קאָנטראָלירן די חשבונות און גיט בעת-מעשה אכטונג אויף די „מענטשן". אַרום דריי אַזייגער, ווען די ערשטע פּאַרטיע גייט אויף מיטאָג, טוט זיך רב נאָסקע אַ דערמאָן: „שאַ, איך האָב נאָך היינט נישט איבערגעביסן". פאַרנאַכט, ריכטיק אײדער מ׳פאַרמאַכט די קראָם, ברענגט מען אים אין אַ טעפּל דאָס מיטאָג. שפּעטער, אַז דאָס געשעפט איז שוין פאַרשלאָסן, גייט ערשט רב נאָסקע אַריין אויף עטלעכע שעה אין קאַנטאָר. ער זיצט דאָרט מיט אָווסעיען און האַלט אין איין באַמקען אים אין אויער אַריין: אַז דער „עולם" פוילט זיך אונטער, איז נישט געטריי און אַרבעט נישט. אַלע, זאָגט ער, פון קלענסטן ביזן גרעסטן זוכן נאָר ווי־אַזוי אָפּצונאַרן. אַז ס׳איז גאָר קיין „מענטשן" נישט, זאָגט ער. נאָר זיי האָבן אין זין די פּענסיע און ווייטער גאָרנישט.

שפּעט אין אָוונט קומט רב נאָסקע אַהיים און זיצט אַזוי ביז נאָך האַלבער נאַכט אַ שווייגנדיקער און אָנגעכמורעטער,

אריינגעטון אין אַ באַרג פאַרמלחמהדיקע חשבונות און צעטעלעך וואָס פילן שטענדיק אָן זיינע קעשענעס. ערשט ווען דער מיחוש אין דער זייט טוט אים אַ כאַפּ-אָן, לייגט ער זיך שלאָפן. און בעתן קריאַת-שמע-לייענען דערמאָנט ער זיך אַמאָל אין די רייד פון זיין געשטאָרבענעם ברודער, ווי ער פלעגט צו אים טענהן: „דו, נאָסקע, ביסט דאָך אַקוראַט ווי יענער הונט, וואָס מ'שטעלט אוועק היטן אַ סטויג היי. אַליין האָט דער הונט דערפון קיין הנאה נישט און יענעם לאָזט ער אויך נישט קיין הנאה האָבן".

## 11

## רב מנשהקע

רב מנשהקע לאָזט זיך שערן די באָרד ווי אַ קעזל און ער האַלט זיך פאַר אַ „דייטש". ער טראָגט מאָדישע פּאַלטנס און אַ האַרטן קאַפּעלוש. שבת דאַוונט ער אין דער חברה ש"ס, צוזאַמען מיט דעם באַרימטן „איטשעלע", וועלכער שטעלט-אַריין יעדן פּרייטיק אין „בלאַט" די סדרה מיט נאָך פּסוקים פון דער תּורה און גיט דאָס אַ נאָמען „פּאָליטישע בריעף". רב נאָסקע איז אים מקנא, וואָס ער דאַוונט מיט אַזאַ וואַזשנעם מענטש. ענטפערט אים דערויף רב מנשהקע, אַז ווערדליג, ווי מ'רעדט אין דער חברה, איז דאָס שרייבן גאָרנישט אַזאַ קונץ, ווי מען מיינט. מ'דאַרף זיך נאָר, זאָגט ער, איינאַרבעטן אין דעם. נאָר ער אַליין, רב מנשהקע, וואָלט זיך נישט נעוואָלט מיט דעם פּאַטשקען. וואָרן וואָס אַרט אים, זאָגט ער, ענגלאַנד מיט פראַנקרייך, מיט איטאַליע מיט דייטשלאַנד און מיט אַמעריקע אַפילו? ער, זאָגט ער, דאַרף זיי פאַרזאָרגן מיט עצות? שלאָגן זיי זיך, אָן אים, קאָפּ אָן וואַנט!

רב מנשהקע איז אַ נידעריקער מיט רירעוודיקע איברים, וואָס באַוועגן זיך דאַכט זיך פון זיך אַליין. מחמת ער האָט אַ קורצע ריאה טראָגט ער, פאַרטשעפּעט אָן די אויערן, גרויסע אַמעריקאַנער ברילן. און ווייל ער איז אויך אַ היציקער טרעפּט

אָפּט, אַז ער טוט אַ פּאַל-אָן אויף אַ קרעמער און זידלט אים אויס מיטן ערגסטן צוגליַיך. דער קרעמער שטעלט-אויס מויל און אויערן און בלײַבט שטיין מיט אַ דערשראָקן פּנים. ערשט דעמאָלט טוט רב מנשהקע אַ רוק-אַרויף די ברילן אויפֿן שטערן, קוקט זיך אַ ווײַלע איַין אין דעם קרעמער און זאָגט מיט אַ מחילהדיק פּנים: „פּשעפּראַשאַם". עס הייסט, זידלען האָט ער טאַקע געדאַרפֿט, אָבער גאָר אַן אַנדערן.

ס׳רוב קרעמער ווילן דווקא האַנדלען נאָר מיט רב מנשה-קען, מחמת ער איז אַ צוגעלאָזענער און ווערט גיך משווה. אַז אַ סוחר האָט צו אים אַ טענה, טוט רב מנשהקע אַ צעוואָרף די הענט און זאָגט מיט אַ געבייזער (אַזאַ טבע ביי אים צו רעדן אַלץ מיט אַ געבייזער):

— מירן צו אַ דין-תורה נישט גיין! מירן מאַכן פּאָפּאָ-לאַם און קאָנטשענאָ!

באַזונדערס ליב אָבער האָט רב מנשהקע צו האַנדלען מיט קרעמערקעס. און אַלע קרעמערקעס זענען ביי אים ווי די שיינע פּירות. און קוים טרעפן אַזעלכע, וואָס רב נאָסקע זאָגט, אַז ס׳איז גאָר אַ מיגל צו קוקן אויף זיי און ער וואָלט נישט גע-וואָלט שטיין אין זייערע ד׳ אמות — פאַרלירן זיי אָבער גאָר-נישט אין רב מנשהקעס אויגן. מ׳זאָל זיי נאָר, זאָגט ער, גוט אייַנוואַשן און אָנטון ווי ס׳געהער צו זיין וועלן זיי שוין ווערן גאָר, גאָר...

אויף אַלץ אין דער וועלט האָט ר׳ מנשהקע אַ „פּרימיער" מיט ווייבלעך: אַ משל מיט אַ יונג ווייבל, וואָס האָט אַן אַלטן מאַן און דער אַלטער, נעבעך, קאָן זיך מיט גאָרנישט העלפן; אָדער אַ משל פון אַ רייכער עלטערע פרוי, וואָס האָט גענומען אַ יונגנמאַן און זי זעט אים אָן נאָר בייטאָג סאַמע דעמאָלט ווען ער ווערט צעריסן פון הונדערטער געשעפטן. אַז רב נאָסקע וויל אים אַ שטאָך טון, גיט ער אים אַ וואָרף צו: „ווייבערי-שער קרעמער". רב מנשהקען אָבער אַרט דאָס קנאַפּ וואָס. ער איז נישט, זאָגט ער, פון די סאָרטן יידן, וואָס אַליין קוקן זיי ווו מ׳טאָר נישט און אַנדערע לאָזן זיי אַהין נישט קוקן.

און רבֿ מנשהקע קוקט דווקא יאָ. איי קוקט ער. ער איז קלאָר אין אַלע „מעשיות״ וואָס עס שרייבן יעדן טאָג אויף גאַנצע זייטן די באַלעבאַטישע צייטונגען. און אַחוץ דעם ווייסט נאָך רבֿ מנשהקע פֿון אָן אַ שיר „מעשיות״, וואָס די צייטונגען שרייבן נישט. ער ווייסט פֿון באַקאַנטע סוחרים, וואָס לעבן שלעכט מיט זייערע ווייבער, ווייל די ווייבער לעבן גוט מיט אַנדערע מענער. ער ווייסט פֿון רייכע קרעמערקעס און רייכע אַלמנות, וואָס מ׳רעדט אויף זיי, אַז זיי האָבן ליב שיינע יידן מיט שיינע בערד. און וועגן איינער אַזאַ אַלמנה ווייסט אַפֿילו רבֿ מנשהקע, אַז זי האָט זיך געלאָזט קאָסטן דערויף אַ סך געלט.

אַחוץ דעם האָט נאָך רבֿ מנשהקע אויפֿן קאָפּ אַלע ווייבלעך און מיידלעך פֿון דעם גרויסן הויף ווו דאָס געשעפֿט איז. ער ציילט געננוי וויפֿל מענער ס׳זענען היינט אַרויפֿגעגאַנגען צו דער היטן־מאַכערקע. און ער וואָלט שטאַרק וועלן וויסן פֿון וואָס אַ שטייגער עס לעבט אַזאַ פֿריזירקע פֿון צווייטן שטאָק, וואָס האָט אַ מאַן אַ שלימזל און אַליין גייט זי זיך שפּאַצירן אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. רבֿ מנשהקע האָט דער ערשטער דערציילט די מעשה, אַז דער פֿישערקעס טאָכטער האָט אַ חודש נאָך דער חתונה געבוירן אַ צווילינג; און אים גייט אין לעבן צו וויסן ווער פֿון די צוויי „בעזדזשעטניקעס״, וואָס האַלטן אין הויף אַ שפּייז־געוועלבל, איז שולדיק אין דעם, וואָס זיי האָבן נישט קיין קינדער.

אין געשעפֿט שטייט רבֿ מנשהקע ביי אַ פֿולט ריכטיק אָקייגנאיבער דער טיר. און יעדעס מאָל ווי נאָר ער דערזעט אינדרויסן אַ דינסטמיידל טוט ער אַ לויף צו צו דער אָפֿענער טיר כּלומרשט רייניקן די נאָז און כאַפּט בעת־מעשה אַ קוק אויף אירע הויך־פֿאַרשאַרצטע נאַקעטע פֿיס. און פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים געפֿרעגט, נעמט ער ווידעראַמאָל דערציילן די מעשה פֿון טרוסקאַוועץ, וואָס האָט מיט אים געטראָפֿן מיט דריי יאָר צוריק: די מעשה ווי אַזוי ער, רבֿ מנשהקע, איז געזעסן אויף אַ באַנק אין פּאַרק און זיך אָפּגערוט נאָך אַ באָד, און ווי אויף דערזעלבער באַנק איז אויך געזעסן אַ יונג פּראַסנישער ווייבל.

נו, רעדט מען און מען שמועסט און ער, רב מנשהקע, זעט ווי זי נעמט זיך עפּעס קראַצן אין אַ זאָק און וואָס אַמאָל אַלץ העכער, אַז אָט־אָט האַלט זי שוין ביז איבער די קניען.

— אָקעגן דעם וואָס איר זאָגט פּראָווינצער ווייבלעך. — פאַרענדיקט רב מנשהקע די מעשה מיט אַ פול מויל גוטן טעם. זיין פּנים שמייכלט מיט הנאה און די גלעזלעך פון די אַמעריקאַנער ברילן שמעלצן זיך פון נחת.

## 12

## „ז כ ו ת י ם"

אַלע „מענטשן" פון דעם גרויסן געשעפט — פון דעם שיק־יינגל ביזן פּראָקורענט — ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען דאָ אָנגעקומען אין זכות פון „עפּעס". פון די עטלעכע אייגענע, שטיקלעך ווייטע קרובים שמועסט מען נישט. אַלע איבעריקע אָבער, די פרעמדע, האָבן אויך עפּעס אַ שטיקל זכות. געוויינלעך ווערט מען דאָס ערשט געוווּיר פון הער אָווסעי נאָך די פּאָר חדשים, וואָס מ'אַרבעט אָפּ אויף פּראָבע.

מיין „זכות" דהיינו איז דער, וואָס איך בין אַ טשענסטאָכאָווער. אַ טשענסטאָכאָווער, זאָגט דער הער אָווסעי, איז נישט קיין וואַרשעווער. קודם־כל רייסט נישט אַ טשענסטאָכאָווער דאָס מויל מיט דעם „יאַך" און האָט נישט אין זיך די נאַלעווקער ליגנס. און אַחוץ דעם האָט ער סתם ליב טשענסטאָכאָוו, ווייל דאָרט איז ער מיט כמה יאָרן צוריק אָנגעקומען אויף זיין ערשטער שטעלע. ער האָט דאָרט טאַקע, זאָגט ער, אַריינגעכאַפּט גענוג צרות און שמיץ. אָבער די טבע פון אַ מענטש איז, אַז דאָס אָרט וווּ מ'כאַפּט געשמיסן קריגט מען ליב.

פונדעסטוועגן אַרבעטן אין געשעפט עטלעכע, וואָס רעדן דווקא „יאַך" און זענען דווקא אמתע נאַלעווקער. נו, האָט הער אָווסעי גענומען און פאַר יעדן פון זיי אויסגעזוכט עפּעס אַ „זכות". שאול בינשטאָק איז זיך סתם אַן אָרנטלעך מענטשל. ער

איז אַמאָל געשטאַנען מיט אַן אייגענע קראָם און האָט אין דער צייט פון „פּאַסעק" אַזוי „געראָטן" שפּעקולירט, ביז ער איז אָנגעקומען אויף אַ שטעלע צו די ברידער פּלינט. נו, איז טאַקע אַ סימן, זאָגט דער הער אָוסעי, אַז שאול איז נישט קיין נאַלעווקער. דער הויכער ראַטאָמער האָט אַ „זכות", וואָס ער האָט נישט קיין טאַטן און האַלט אויס די מוטער. און קופּטשיק, דער געהילף־בוכהאַלטער, איז סתם אַ יחסן. ער האָט געהאַט אַ זיידן אַ וואַרשעווער רבֿ.

די אַלע „זכותים" גילטן אָבער נאָר דעמאָלט ווען דער הער אָוסעי קוקט זיך צו מיט הנאה ווי די „מענטשן" שוויצן ביי דער אַרבעט און רייסן פון זיך אָפּ דאָס לייב און לעבן. ווי נאָר אָבער עס קומט צו געלט אָדער עמיצער בעט אַ הוספה וויל גאָר דער הער אָוסעי מיט די „עבדים" נישט רעדן. סך־הכּל, זאָגט ער, האָט ער פון זיינע „מענטשן" גאָרנישט. „אַלע בעאיינעם, זאָגט ער, זענען זיי אידיאָטן און בידלאַקעס. און ער ווייסט נישט, טענהט ער, פאַרוואָס ער טוט נישט אַזוי ווי אַנדערע קרעמער טוען. יעדע פּאָר חדשים דאַרף מען טוישן „מענטשן" נאָך איידער זיי נעמען קריכן אויפן קאָפּ. וואָסי, זאָגט ער, ס'פעלט דער מין? ס'איז אפשר אַזאַ טייערע סחורה, וואָס מ'דאַרף עס ברענגען פון אויסלאַנד און אָפּצאָלן דערפאַר צאָל?

# 13

## בערל פּיקטער

דאַכט זיך, אַז מער געטריי־זיין באַלעבאַטים, ווי עס איז בערל פּיקטער, קען מען שוין נישט. ביי בערלען איז אַ קרן מציל צו זיין אַ שטיקל שפּאַגאַט וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויף דער פּאָדלאָגע. ער וועט צען מאָל אַדורכנישטערן דעם קויש מיט מיסט טאָמער האָט זיך נאָך דאָרט עפּעס פאַרוואַלגערט. זיינע קעשענעס פון געלאַטעטן בגד זענען שטענדיק פול מיט טשוועקעס און שטיקלעך שפּאַגאַט, וואָס ער רייסט פּשוט

אַרויס הערשלען פון אונטערן בעזעם, בעת יענער וויל דאָס פאַרקערן אין אַ ווינקל אַריין צוזאַמען מיטן מיסט.

— ערשל, ערשל, — נעמט זיך בערל ביי אים בעטן — אוי וויי מאַכט נישט קיין אשפות. ס׳איז דאָך יידישע געלט.

בערל פיקטער רוט נישט קיין מינוט. נישט דאָס, איז יענץ. שטענדיק האָט ער עפּעס צו טון און יעדע ווײַלע איז ער עפּעס מציל. און טאָמער טרעפט, אַז ער האָט שוין טאַקע גאָרנישט וואָס צו טון, זאָגט ער אין דער שטיל אַ פּרק משניות. און בעת־מעשה סטראָיעט ער אויס פון אַלטע ברעטלעך אַ שפּאָגל נייעם קאַסטן.

ביי די באַלעבאַטים אָבער איז זיין מי קנאַפּ אָנגעלייגט. אַז רב נאָסקע זעט ווי בערל בויגט זיך אַראָפּ אויפקלויבן טשוועקעס טוט ער אַ זאָג: „רב בערל! רב בערל! איצטער איז אַ צייט אויף אַזעלכע נאַרעשקייטן? איצט דאַרף מען פאַרפּאַקן סחורות!״ און טאָמער וואַלגערט זיך עפּעס אַרום אויף דער פּאָדלאָגע און קיינער הייבט עס נישט אויף, טוט רב נאָסקע אַ זאָג: „רב בערל, רב בערל! איר זענט דאָך עפּעס אַ פרומער ייד. זעט נאָר דאָ ווי עס ווערט פאַרמאַרנעוועט יידישע געלט״.

און בערל ענטפערט גאָרנישט. ווי אַ מיד פאַרמאַטערט אייזעלע שלעפּט ער די אַלטע פיס און טוט אַלץ, וואָס מען הייסט אים, און טאָמער קומט צו רייד וועגן בערלען זאָגט זיך רב נאָסקע אָפּ אַזאַ מין פּסוק:

— יאָ. רב בערל איז זיך טאַקע אַ פרומער מאַן און אַן אָרנטלעך מענטשל. נאָר דאָ אין געשעפט טויג ער נישט. יאָ, פאַר אַ גבאי אין אַ חברה־קדישא איז ער גוט. אַ בעל־מוסף האָב׳ך געהערט, איז ער אויך נישט קיין שלעכטער. אַהער אָבער טויג ער נישט. עס איז גלאַט פריקרע וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ שטיקל אייגענעם און דערפאַר איז זיך אַביסל שווער פון אים אָפּצוטשעפּען.

## 14

## אין אַ גוטער מינוט

טרעפט אַמאָל: אַז רב נאָסקע האָט אַקוראַט אַ ביסל פרייע צייט און אויך אַ גוטע מינוט, פאַרדריסט אים גלאַט וואָס בערל פּיקטער איז שוין באַלד אַ זיבעציקער און האָט נאָך פונדעסט־וועגן נישט קיין גראָע באָרד. כדי צו באַהאַלטן זיין פאַרדראָס נעמט ער פריער רעדן פון עפּעס אַנדערש און לסוף טוט ער אים אַ פרעג מיט אַ בולט חוזק־שמייכעלע:

— אַ רעב בערל, ווי אַלט זענט איר אָן עין־הרע?

בערלס פּנים מיטן שטערן שרומפט זיך איין ווי אַן אויסגעטרוקנטע שוואָם. ער נעמט אויך צוהילף די פינגער פון ביידע הענט און וויקלט פונאַנדער אַ חשבון:

— ס'הייסט אין דער אמתן — זאָגט בערל — געדענקט איר נישט אַקוראַט. וואָרן ס'איז מיינע יאָרן, אַז איך זאָל זיי ציילן? אַבי דער אין הימל שענקט דאָס לעבן. נאָר דאַכט זיך, אויב איך מאַך נישט קיין טעות. יע. בעת גאַנץ ביאַליסטאָק איז געווען פול מיט טערקן בין איך שוין מסתמא געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען־צוועלף. האָט איר איינמאָל אַוועק. נו און דערנאָכדעם, בעת מ'האָט מיך גענומען אויף סלוזשבע אין סאַראַטאָוו, האָב'ך דאָך שוין געהאַלטן דעם פאַכט אין פּיקעטע און לייבל איז שוין מסתמא געווען אַלט אַ יאָר צוויי און מיט יאָסקען האָט זיך די ווייב אַקוראַט געריכט אין קימפּעט. האָט איר שוין אַ קימאַ־לן...

פלוצלונג אָבער כאַפּט זיך בערל, אַז ער האָט שוין נישט צו וועמען צו רעדן. ר' נאָסקע האָט זיך באַלד ביים אָנהויב חשבון אָפּגערוקט אין אַ זייט און געשמייכלט אין דער באָרד אַריין. „אָט אַן אַלטע בהמה". בערל פּיקטער פּרוווט צו אים צוגיין און פאַרענדיקן דעם חשבון. רב נאָסקע אָבער רוקט זיך אַלץ אָפּ פון אים. אַ ווײַלע בלייבט בערל שטיין מיט איינגעבויגענע, צעטומלטע פינגער, דערנאָך טוט ער אַ מאַך מיט די הענט,

אַט ווי עס וואָלט געווען נישט כּדאַי און נעמט איבּעראַנייס דאָס העמערל און פאַרקלאַפּט איינגעפּאַקטע קאַסטנס מיט סחורה.

## 15

## דעם פּולקאָווניקס ווייגער

ביי בערל פּיקטער פירט זיך אַלץ פּונקט ווי אַמאָל בעת דער „סלוזשבע" זיינער אין סאַראַטאָוו. דאָס קאַנטאָר הייסט ביי אים „נאַטשאַלסטוואָ" און דער הער אָווסעי — דער „סאַמע גלאַוונער".

אַז בערל גייט אַריין אין קאַנטאָר טוט ער זיך הינטער דער טיר אַ שטויב-אָפּ דאָס מלבוש און גיט אַ גלעט-צו די שיטערע באָרד. אינעווייניק שטעלט ער זיך גלייך ווי אַ סאָל-דאַט, דערלאַנגט דאָס, וואָס ער האָט צו דערלאַנגען, זאָגט דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן און גייט אַרויס.

סיידן מ'פאַרהאַלט אים, וואָס עס טרעפט זייער אָפּט. וואָרן, אַז דער פּראָקורענט פליג וויל מיט עפּעס פאַרווײַלן דעם באַלעבאָס טוט ער אַ שפּאַר-אָפּ די טיר פון קאַבינעט, וווּ עס זיצט דער הער אָווסעי און אַליין נעמט ער איינטענהן מיט בערלען:

— וואָס מאַכט איר עפּעס רב בערל? — הויבט אָן גע-ווייגלעך דער פּראָקורענט — איר טרעפט נאָך דאָ עפּעס אַמאָל אייער פּיקטער פריץ, דעם „פּאָסעל" מיין איך, וואָס זיצט אין סיים?

נו, גייט אַוועק אַ מעשה, ווי אַזוי ער, בערל, גייט זיך אַנומלטן אויף דער גאַס און גאָרנישט. פלוצלונג זעט ער עפּעס אַנטקעגן זיך אַ באַקאַנטלעך פּנים. נאָר וועמען זאָל עס איינ-פאַלן, אַז דער איז זיין, בערלס פּיקטער פריץ, דער פּאַן וואַ-דאָטשיק? און נאָך איידער בערל האָט אים רעכט דערקענט, טוט דער פריץ אַ פאַל-צו צו אים מיט אַזאַ גדולה, גלייך ער וואָלט זיך וועלן מיט אים צעקושן.

— „בערל, בערעלו!“ — דערציילט בערל ווי אזוי דער פריץ האט אים באגעגנט אויף דער גאס. דערנאך האט ער זיך גענומען אויספרעגן אויף דאס און אויף יענץ.

— און אין מיטן דרינען — פארענדיקט בערל די מעשה — נעמט ער גאר און דערלאנגט מיר א טייערן, שמעקעדיקן ציגאר און נישט אנדערש, נאר איך זאל אים צוזאגן, אז איך וועל מערצעשעם קומען צו אים. נאר ווער וועט גיין צו אים? אז נישט דער קאפ האלט דערביי, און ס'איז גלאט קיין צייט נישטא.

— הכלל, בקיצור, סיי-ווי-סיי, שוין. — זאגט אפ דער פראקורענט די עטלעכע ווערטער און מיינט דערמיט אפצושפעטן פון בערלען, וועלכער האט א טבע כסדר איבערצוחזרן די ווער-טער ווען ער דערציילט עפעס — זענט איר הייסט עס, רב בערל, צו אייער פריץ נישט געגאנגען. איר האט גאנץ גוט געטון.

פון קאבינעט ארויס הערט זיך א שפריצנדיק געלעכטער. דער עלטסטער בוכאלטער, דער-א, וואס האט ראזע בעקעלעך און איז א קיצלדיקער, כאפט דאס הענטל פון דער פעדער אין מויל אריין כדי נישט אויסצופלאצן מיט א געלעכטער. די מא-שיניסטין שמייכלט פארשעמט. איר טוט וויי דעם פראקורענטס חוצפה צו דעם אלטן בערלען. דאס שיק-יינגל בלייבט זיצן א ווײלע מיט דער זעמל אין מויל ווי ער וואלט פארגעסן צו קייען. און דער געהילף-בוכאלטער קופטשיק קוקט דעם פראקו-רענט גלייך אין מויל אריין און באמיט זיך צו געדענקען זיין יעדע באוועגונג, כדי ער אליין זאל עס אויך קענען נאכמאכן.

און אז דער פראקורענט זעט ווי דער באלעבאס לאכט און האט הנאה לאזט ער שוין בערלען אזוי גיך נישט אפ.

קודם-כל דערציילט ער בערלען, אז ער האט היינט גע-פרעגט הערשלען צי ער קען זאגן די „פרישאגע“ אט אזוי „פא סאלדאטסקו“ ווי ס'געהער צו זיין. לאזט זיך אויס, אז הערשל געדענקט קיין ווארט נישט. נאך בעסער: הערשל זאגט, אז ער האט די „פרישאגע“ גאר קיינמאל נישט געזאגט. ער האט, זאגט

ער, בעסער אין זין געהאַט ווי אַזוי צו פאַרדינען ביי פאַניען אַ גילדן.

— אָבער איר רב בערל?

און נאָך איידער דער פּראָקורענט פרעגט, שטייט שוין בערל פיקטער אויסגעצויגן ווי אַ ווירע, נישט מער, זיינע פיס וואַקלען זיך אַביסל מחמת אַלטקייט. ער רירט נישט מיט קיין אבר און פון זיין מויל שיט זיך אַרויס אין איין אָטעם די „פרישאַגע", ווי עפּעס געמאָלנס פון אַ מיל, אַז מ'פאַרשטייט קיין איין וואָרט נישט.

איצט הערט מען שוין ווי אין קאַבינעט וואַרפט זיך דער פּאַטעל. דאָס מוז שוין דער הער אָוסעי האַלטן די הענט אויפן בויך און זיך קאַטשען פון געלעכטער:

— אוי פליג! פאַניע פליג! לאָזט שוין אָפּ! — הערט זיך פון קאַבינעט הער אָוסעיס קול — איך האָב דאָך שוין באַלד נישט קיין זייטן!

בערל אָבער האַלט שוין איצט ביים פולקאָווניק קאָזשיראָוו. עס הייסט ביי דער מעשה ווי אַזוי בערלס פולק איז אַמאָל אַוועק אויף מאַנעווורעס און אין וואַלד האָט דער פולקאָווניק פאַרלוירן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט, וואָס איז געווען ווערט גאַנצע פינפהונדערט רובל. ביזן היינטיקן טאָג קען הערשל נישט מוחל זיין בערלען, וואָס ער האָט צוריק אַוועקגעגעבן דעם געפונענעם זייגער. בערל האָט אים שוין אַמאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ'טאָר גאָרנישט צולאָזן צו זיך אַזאַ רעיון, אַז דאָס הייסט גנבה און גזלה. אַז מ'טאָר דאָס גאָרנישט. וואָס הייסט עפּעס צונעמען יענעמס אַ זייגער און דערצו נאָך ביי אַ פולקאָווניק? הערשל אָבער וויל פון דעם אַלעמען נישט וויסן.

— ביי מיר — זאָגט הערשל — וואָלט ער קראַפּירט און דעם זייגער וואָלט ער שוין נישט געהאַט. כ'וואָלט אים פאַר-קויפט פאַר צווייהונדערט רובל, פאַר הונדערט, פאַר פופציק, באָר ער וואָלט אים שוין נישט אָנגעזען.

— הכלל, בקיצור, סיי-ווי-סיי — דערציילט בערל ווייטער די מעשה מיטן זייגער. ווי אַזוי ער האָט דעם זייגער אויפגע-

הויבן פון גראָז און שוין די גאַנצע צייט אים אַזוי געטראָגן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, כּדי אַלע זאָלן זען, אַז ער מיינט דאָ גאָרנישט ניט צו באַהאַלטן. דערווייל האָט שוין דער פּול-קאָווניק אַליין באַמערקט, אַז ער האָט נישט דעם זייגער און עס איז געוואָרן אַ קאָך און אַ טומל. און דאָ לויפט בערל אַנטקעגן ווי קיינמאָל גאָרנישט מיטן גאָלדענעם זייגער אין האַנט. ער דערלאַנגט אים דעם פּולקאָווניק און מעלדעט: אַזוי און אַזוי. ער האָט דעם זייגער געפונען אין גראָז, און אַזוי ווי דער זייגער איז נישט זיינער גיט ער אים אַוועק. דער פּולקאָווניק קלאַפּט אים אין פּלייצע און זאָגט הויך פאַר אַלעמען:

— אָט וויערני זשידעק, בערעק רעפּקאָוויטש!

נו און צומאָרגנס האָט ער באַקומען אַ „נאַשיווקע". און אַז מ'האָט אין עטלעכע וואָכן אַרום געצויגן „זשערעבעס" האָט טאַקע בערל אַרויסגעצויגן אַ „זשערעב" און איז זיך אַהיימגעפאָרן צו ווייב און קינד.

## 16

## בערל און די באַלעבאַטים

נאָר איין רב נאָסקע גלויבט נישט אין די אַלע מעשיות. קודם-כּל האָט ער בערלען נישט ליב, ווייל ער איז אַ למדן און קאָן דווקא גוט לערנען. אַז חסידישע קרעמער נעמען זיך אַמאָל אַמפּערן אין קראָם וועגן עפּעס אַ פּסוק, אָדער אַ שטיקל גמרא — הערט זיך בערל אַ ווײַלע צו און דערנאָך דערלאַנגט ער אומגעריכט אַ זאָג דעם ריכטיקן פּשט, אַז אַלע בלייבן שטיין פאַרווונדערט. נו, פאַרדריסט עס רב נאָסקען אַזוי שטאַרק, אַז ער פּרוּווט דאָס אַלץ אָפּלייקענען סתּם אין דער וועלט אַריין. בערל אָבער פּוילט זיך נישט. ער טוט ראַפּטום אַ לייג-אַוועק דאָס העמערל מיט די טשוועקעס, לויפט אַרויף אין זיין „סטאַנ-ציע", וואָס אין דריטן הויף און ברענגט באַלד אַראָפּ דאָס ספרל, כּדי צו באַווייזן נאָסקען שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער, בערל,

האָט טאַקע געזאָגט דעם ריכטיקן פשט. רב נאָסקע אָבער וויל גאָרנישט אַריינקוקן אין ספר. ער געפינט אַ תּירוץ, אַז דער קאָפּ איז אים עפּעס איצט אַביסל דאָסיק... און לסוף, כּדי אָנצוטון בערלען נאָכמער קרענקונג — גיט ער אַ זאָג:

— ס'מאַכט נישט אויס, ר' בערל. גרעסערע למדנים פון אייך קאָנען אַמאָל אַ טעות האָבן.

בכלל, זאָגט רב נאָסקע, האָט ער שוין איינגעזען, אַז בערל איז פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב צו באַרימען און האָבן אויך ליב אַ קאַפּעטשקע צו זאָגן ליגן. ס'הייסט אים אַליין, בערלען, טייטשט רב נאָסקע באַלד אויס— האַלט ער דווקא פאַר אַ פרומען ייד און אָרנטלעכן מענטש. נישט מער, ער, רב נאָסקע, קען אַ סך אַזעלכע יידן, ווי בערל, וואָס האָבן ליב אַמאָל אויך צו זאָגן אַ ליגן.

און הגם בערל ליידט אין קראָם צומיינסטן עוולות, האַלט ער פונדעסטוועגן, אַז אַלע באַלעבאַטים זענען דימענטענע מענטשן. נישט מער, זאָגט ער, זיי זענען אַ ביסל אויפגערעגטע, ווייל ביי דער גאַנצער משפּחה זייערער, וואָס ער קען זיי אויסגעצייכנט, איז „די בלוט אַזאַ צעקאָכטע".

דאָנערשטיק פאַרנאַכט, ווען אַלע „מענטשן" גייען אַריין אין קאַנטאָר נאָך פּענסיע, בלייבט בערל שטיין ביי דער טיר און באַמיט זיך צו זיין וואָס-ווייניקער אָנזעעוודיק. דער הער אָווסעי שטייט איבער אַ טעקע אויסלענדישע חשבונות און מאַכט זיך גאָרנישט זען. ערשט ווען דער פּראָקורענט גיט הויך אַ זאָג: „פּאַניע באַלעבאָס! די „עבדים" זענען געקומען נאָך געלט", טוט דער הער אָווסעי אַ כאַפּ-אַראָפּ די ברילן פון די אויגן, באַקוקט דעם עולם מיט אַן אומצופרידן שמייכעלע, טוט זיך אַ כאַפּ ביי דער הינטן-קעשענע מיט געלט און זאָגט צום פּראָקורענט: מילא, פאַרפאַלן. פאַרשרייבט זיי, פּאַניע פּליג".

דערנאָך טיילט ער אַלעמען די פּענסיע. ווי נאָר אָבער עס קומט צו בערלען — טוט ער לעצטנס אָפּט אַ זאָג: „אַ, רב בערל — איר דאַרפט דאָך נישט אַזוי נייטיק געלט. איר וועט באַקומען די אַנדערע וואָך".

אין בערלס אויסגעדארטן גוף נעמט ארומלויפן א ווייטיק־לעכער ציטער. אויף זיין פנים אָבער דערקענט מען בעת־מעשה גאָרנישט. זיין פנים שמייכלט מיט דערזעלבער אונטערטעניקייט ווי מיט צוואנציק יאָר צוריק ווען ער איז אָנגעקומען אַהער. ער טוט עפּעס אַ ברום אַרויס „נו", ווי ער וואָלט וועלן זאָגן „ס'מאַכט נישט אויס". און נעמט נאָך ארומרוימען אין קאַנטאָר כּדי מאָרגן איינצושפּאָרן צייט.

ערשט ארום האַלבער נאַכט, קומענדיק פון בית־המדרש אויף זיין „סטאַנציע" אין דעם ענגן שטיבל, דערמאָנט זיך בערל, אַז ער איז שוין אומעטום פאַרבאָרגט און אַז דער הער אָווסעי זאָגט שוין אַזוי עטלעכע וואָכן: „איר רב בערל באַקומט די אַנ־דערע וואָך".

פאַרן שלאָפן־גיין טוט בערל אָן די ברילן מיט די צע־שפּאָלטענע גלעזלעך און לייענט נאָכאַמאָל איבער דאָס קאַרטל פון זיין „קליינעם גנב", וועלכער לערנט שוין עטלעכע יאָר צייט אין דער יאַנאָווקער ישיבה. „די שטיוול — שרייבט דער „קליינער גנב", דער בן־זקונים — האָב'ך שוין איינגאַנצן צעריסן, ליבער טאַטע, און וועל זיי אוודאי מוזן אַרויסוואַרפן. און פאַר סטאַנציע, ליבער טאַטע, בין איך שוין שולדיק אַ סך מיט געלט". נו, און אייערנעכטן, דערמאָנט זיך בערל, האָט אים אַ היימישער ייד דערציילט, אַז די קאָזע, וואָס האָט געגעבן גוטע מילך, האָט דאָס ווייב שוין פאַרקויפט, מחמת זי האָט געמוזט אָפּצאָלן חובות. און אַחוץ אַלעמען, האָט דער ייד דערציילט, איז די יידענע סתם עפּעס לא־עליכמדיק און ליגט שוין אַ וואָכן צוויי אין בעט. און ווען נישט דער טרייער זון לייבל מיט דער גוטער שנור, איז ווער ווייסט ווו זי וואָלט שוין אָנגעשפּאַרט.

אומזיסט פּרוווט בערל אַנטשלאָפן צו ווערן.

אַז אַ גאַנצן טאָג האָט ער צומאָל קיין צייט נישט אַ טראַכט צו טון. האַ? אפשר פאַרדריסט די באַלעבאַטים, וואָס ער, בערל, האָט זיגט פאַראַיאָרן אָנגעהויבן גיין אויף מיטאָג, אַט־אָ־דאָ, אין צווייטן הויף, וואָס דויערט ביי אים סך־הכּל פּופצן

מינוט? שאַ. און אפשר איז דאָס, וואָס ער, בערל, האָט נאָך די פּאַראַליטישע קרענק גענומען אַ ביסל אונטערהוסטן? פאַר־דריסט עס אפשר די באַלעבאַטים? ווייל אָט יעדעס מאָל ווען בערל צעהוסט זיך נעמט רב נאָסקע שפּייען. און אפשר דאָס, וואָס דער הער אָווסעי האָט דאָ אַנומלטן געזען, ווי ער, בערל, האָט זיך געמאַטערט ביים אַרויסציען אַ טשוואָק פון אַ קעסטל? ווי אַזוי דער טשוואָק איז געווען שטאַרקער פון בערלס צוואַנג און האָט זיך בשום-אופן נישט געלאָזט אַרויסציען.

און אָט דערמאָנט זיך בערל, ווי נעכטן, ביים פאַרשליסן, האָט דער הער אָווסעי געקוקט אויף אים און געשמייכלט. און ס׳קאָן דאָך זיין, טראַכט בערל, ווייל דער באַלעבאָס האָט גע־קוקט, האָט זיין האַנט מיט די שליסלען זיך געוואַקלט אַ היפּשע ווײַלע און ער האָט בשום-אופן נישט געקאָנט אַריינטרעפן מיט דעם שליסל אין שלאָס אַריין.

און אָט אַזוי „שלאָפט" בערל פּיקטער שוין אַ סך וואָכן אַדורך די נאַכט. אינדערפרי וואַרט ער דער ערשטער ביי דער טיר און שליסט-אויף דאָס געשעפט. אַרום האַלבן טאָג פאַרוקט ער זיך ערגעץ אין אַ ווינקל און בייסט-איבער עטלעכע שטיק־לעך צוקער. און בעת-מעשה דערמאָנט ער זיך די ווערטער, וואָס ער האָט דאָ נישט לאַנג געזען אין אַ ספר: „אין אַ שטוב וווּ עס הענגט בלויז אַפילו דעם באַלעבאָס פּאָרטרעט, זאָלסטו אויך נישט עסן. און אויב עס ווילט זיך דיר דווקא עסן, זאָלסטו פריער איבערקערן דעם פּאָרטרעט מיטן פּנים צו דער וואַנט".

## יז

## שליוויק

די עלטסטע פריקאַשטשיקעס אין קראָם זענען שליוויק און ראַטאָמער. שליוויק איז אַ נידעריקער און אַ פולער. ער איז עטוואָס העכער פון אַ זאַק מעל. און ראַטאָמער איז הויך און דאַר. אַז ער שטעלט זיך אַרויף אויפן טיש דערלאַנגט ער צו דער העכסטער פּאָליצע אָן אַ לייטער.

ביידע זענען שוין אַריבער די דרייסיק. זייערע קעפּ זענען פּאַרדעקט מיט געציילטע האָר פון אונטער וועלכע ס׳גלאַנצן אַפּער גלאַטע מעשענע שאַרבנס.

שליוויניק אַרבעט שוין דאָ דאָס עלפטע יאָר. אַקעגן די באַלעבאַטים אָבער פילט ער זיך שטענדיק ווי אַן אָקאָרשט-אָנגעקומענער אויף פּראָבע. כאָטש אַ „מענטש״ איז ער גאָר אַ גוטער און באַמיט זיך נאָך מיט יעדן טאָג אַלץ מער צו געפעלן, פונדעסטוועגן האָבן אים די באַלעבאַטים פיינט און וואָלטן געוועז צופרידן ווען זיי קענען אים פּטרן.

רב נאָסקעס אַלטע טענה איז, אַז יעדער „ראָבאָטשע״ איז אַ גנב. פאַראַן צווישן זיי, זאָגט ער, אויך אָרנטלעכע, אָבער בכלל, זאָגט ער, זענען אַלע אַרבעטער גנבים, מחמת דאָס ליגט שוין אין זייער בלוט. אויף שליוויניקן אָבער קוקט ער באַזונדער מיט חשד. ביי אים, זאָגט ער, איז גאָר קיין ספק נישט, אַז שליוויניק טראָגט אַלעמאָל עפּעס אַרויס מיט זיך פון קראָם. ביים אַהיימגיין טוט זיך רב נאָסקע אומישנע אַ שאַר נעבן שליוויניקן כדי צו זען צי די קעשענעס שטייען נישט ביי אים אָפּ. איינמאָל האָט זיך אַפילו רב נאָסקען געדאַכט, אַז אָט האָט ער עס געפּאַקט. ס׳איז געווען אַקוראַט דעמאָלט בעת שליוויניק האָט אָנגעטון אַ נייעם פּאַלטן. רב נאָסקע האָט ביי אים אונטערגעהויבן אַ פּאָלע. דערביי האָט ער כלומרשט געפרעגט צי די סחורה פון פּאַלטן איז עפּעס אַ טייערע און אין איינוועגס האָט ער שוין אויך געזען צי די קעשענעס שווערן נישט אַראָפּ.

און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל אַלע ווייסן, אַז שליוויניק קלייבט געלט און אַז ער האָט שוין אָנגעזאַמלט גאָר אַ סך. שליוויניקן גופא אַרן נישט די אַלע מעשיות. ער ווייסט זיך זיין גאַנג: אַ העלפט פון דער פּענסיע דאַרף ער פאַרנוצן און די אַנדערע העלפט צולייגן צו דער קופּע, אָדער אַוועקגעבן אויף פּראָצענט, כדי עס זאָל ווערן וואָס מער. שליוויניקן האָט אַפילו נישט געאַרט די מעשה וואָס עס האָט אים דערציילט זיין באַלעבאָסטע פון דער דירה, אַז בייטאָג איז דאָ געווען אַן „אַגענט״ און געמאַכט אַ רעוויזיע אין זיינע זאַכן. לויט דעם ווי

די באַלעבאָסטע האָט אויסגעמאָלט דעם „אַגענט" האָט זיך שליוניק באַלד געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען דער פּראָקורענט פּליג. נאָר שליוניק האָט צומאָל נישט איבערגעחזרט די מעשה גלייך עס וואָלט עפּעס געשען אַ טעות אָדער סתם גאָרנישט.

שבת פּוצט ער זיך אויס און מאַכט „זעעכצן" ביים גערטל אויף קראַשינסקי-פּלאַץ מיט די אַלע מיידלעך, וואָס שדכנים און שדכנטעס האָבן אים צוגעשטעלט אַ גאַנצע וואָך. דערווייל האָט זיך שליוניק נאָך גאָרנישט צוגעקליבן. אָט האַלט שוין באַלד ביי תנאים און אָט ווערט אויס. און דאָס אַלץ, זאָגט שליוניק דערפאַר, ווייל ער זעט נישט, אַז מ׳זאָל ציילן געלט. מ׳רעדט, זאָגט ער, פּע-מע. און ער, שליוניק, האָט פיינט זיך לאָזן אַריינאַרן.

און אָט אַזוי צווישן איין „זעעכץ" און דעם אַנדערן האָט שליוניק ליב אַזוי זיך דורכצושפּאַצירן אויף דער באַגנע גאַס און קוקן אויף דעם געוועלבל, וואָס ער האָט בדעה באַלד נאָך דער חתונה אָפּצוקויפן. ער שטייט זיך אַזוי אויפן טראָטואַר און קוקט לאַנג און איינגעגעסן אויף אַ שילד מיט אַ פרעמדן נאָמען „אַ. מאָרעל". ביסלעכווייז אָבער זעט שליוניק ווי דער פרעמ-דער נאָמען פאַרשווינדט און אויף דער זעלבער שילד שטעלן זיך אויס אַזעלכע גרויסע גאָלדענע אותיות: „ב. שליוניק".

# 18

## ראַטאָמער

ראַטאָמער האָט קיינמאָל נישט קיין געלט, הגם אין שטוב גיט ער נאָר אַוועק אַ העלפט פון דעם וואָס ער פאַרדינט. ער איז שטענדיק פאַרבאָרגט ביי שליוניקן און גיט אים כסדר עצות ווי אַזוי מ׳דאַרף „דרייען" מיט קאַפּיטאַל.

ראַטאָמער איז זייער שטאָלץ מיט זיין בחורישקייט און מיט זיין גאַנצער פּערזאָן. ער מאַכט אָפט „זעעכצן" און האָפט אַ ליאַדע טאָג אַריינצוקריגן דעם אמתדיקן נדן. אָ, דעמאָלט,

זאָגט ער, וועט ער ווייזן שליוניקן ווי אַזוי מ׳מאַכט געלט און ווי אַזוי מ׳ווערט אַזאַ ווי דער הער אָווסעי.

קיין געלט האָט ראַטאָמער דערווייל נישט. ער פירט זיך שוין אָבער געזנוי ווי דער הער אָווסעי. ער האָט אַן אָפּגעצאָלטן אַבאָנאַמענט ביי אַ פריזירער. נו, קומט ער טאַקע יעדן טאָג אַ פיין־ראַזירטער און באַשמעקטער פונקט ווי דער הער אָווסעי. דער הער אָווסעי רויכערט נישט און ער, ראַטאָמער, רויכערט אויך נישט. און יעדן נאָכמיטאָג לעגט ער זיך צו אויף דער קאַנאַפּע אויף פופצן מינוט, געזנוי אַזוי ווי עס טוט דער הער אָווסעי.

# 19

## די קאַסירשע

די קאַסירשע פון דעם געשעפט, די פרייליין רעגינע איז אַ ביסל אַ טויבלעכע. רב נאָסקע אָבער זאָגט, אַז דאָס מאַכט זי זיך אַזוי אומישנע טויב, כדי צו קענען בעסער אָפּנאַרן ביי דער אַרבעט.

זי זיצט אין אַ ווינקל הינטער אַ שויב און האַלט אין איין אַרויסקוקן פון דאָרט צי מען רופט זי נישט צום טעלעפאָן. רב נאָסקע זאָגט, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען אינגאַנצן אַראָפּצונעמען דעם טעלעפאָן. ווייל אַ גאַנצן טאָג הערט מען נישט מער ווי זי האַלט אין איין אַרייַנרעדן אין טעלעפאָן וועגן איר „זשאָלאָנדעק״. דאָס, זאָגט זי, וואָס קיסינגען האָט איר פאַראַיאָרן פאָפּראַוועט דעם „זשאָלאָנדעק״ האָט איר קריניצע היי־יאָר קאַליע געמאַכט. און איבערהויפּט רעדט זי שוין אין טעלעפאָן אַריין צו עמיצן מיט אַ געבייזער, זענען גאָר אין פוילן קיין ספּעציאַליסטן אויף איר מאָגן נישטאָ. רב נאָסקע זאָגט, אַז אַרום דער קייזערין האָט זיך אַזויפיל נישט געטומלט, ווי ס׳טומלט זיך אַרום איר, רעגינעס „זשאָלאָנדעק״.

רעגינע האָט זייער ליב די באַלעבאַטים און אַז זי רעדט

מיט זיי שמייכלט זי. רב נאָסקע אָבער דרייט אַלעמאָל אַוועק דעם קאָפּ און קוקט אַפילו נישט אויף איר. ער האָט פּיינט, זאָגט ער, די „קונצן" וואָס זי מאַכט מיט איר פּנים בעת זי רעדט.

דערפאַר אָבער לעבט מיט איר גאָר גוט רב מנשהקע. אַ סך מאָל אין טאָג כאַפּט ער זיך אַריין צו איר אין קאַנטאָרל און האָט איר ליב איבערצודערציילן פאַרשידענע צייטונגס-מעשׂיות פון „ווייבלעך" און „מיידלעך". די קאַסירשע קען שוין די אַלע מעשׂיות גענוי. נאָר יעדעס מאָל שמייכלט זי צו, גלייך עס וואָלט געווען עפּעס נייעס. און אַחוץ דעם סטאַרעט זיך נאָך רב מנשהקע פאַר איר אַ שידוך. רב נאָסקע זאָגט, אַז דאָס איז שוין ביי מנשהקען אַזאַ מין קרענק זיך עסקן אין שידוכים, כאָטש ער האָט נאָך אין זיין לעבן קיין איין שידוך נישט אויס-געפירט. רב מנשהקע אָבער שטייט נישט אָפּ. אָט האָט ער שוין פאַר רעגינען אַ פרישן שידוך — אַ רייכן פּראָווינץ-קרעמער, אַן אַלמן. נאָר ס'איז זיכער, אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט נישט ווערן. רב נאָסקע אַליין וועט דעם שידוך קאַליע מאַכן. און דאָס דערפאַר, כדי צו באַווייזן, אַז רב מנשהקע טויג זיך נישט צו שידוכים. כאָטש אַזוי האָט ער אַ טבע צו זאָגן, אַז ער וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן „אַ סך מיט געלט" אַבי רעגינע זאָל שוין חתונה האָבן און ער, רב נאָסקע, זאָל שוין אַמאָל פּטור ווערן פון איר און פון איר „זשאַלאָנדעק".

## 20

## אַ קידוש ביים הער אָווסעי

היינטיקן זונטיק האָט מען געעפנט דעם צענטראַל-שפּייכ-לער. שבת האָט זיך דער הער אָווסעי געלאָזט אויפרופן צו „ששי". ער איז געשטאַנען אויפן באַלעמער און קוים-קוים גע-שמייכלט מיט אַ זאַט, פעט פּנים. זיין צילינדער האָט געגלאַנצט מיט גרויסקייט און חשיבות. און אין האַרצן האָט זיך דער הער

אָווסעי געטראַכט, אַז דאָס אַלץ וואָס די אַרומיקע שונאים, די קאָנקורענטן זיינע ווינטשן אים, זאָל זיי מקוים ווערן.

נאָכן דאַווענען האָט ער פאַרבעטן דעם עולם צו זיך אויף אַ „קידוש”. די קאַסירשע, וועלכע פאַרמיידט נישט קיין איין שמחה ביי די באַלעבאַטים, האָט אַ פול מויל מיט זאַפט, בעת זי רעדט וועגן דעם באַל. ביי יעדן טיש האָט באַדינט אַן אַנ-דערער סאַרווער און צווישן איין מאכל און דעם צווייטן האָט דער חזן פון דער שול געזונגען פאַרשידענע „שטיקלעך”. רב מנשהקע האָט זיך צוגעשוירן אַ קאָפּ דאָס בערדל, כּדי נישט צו בלייבן פאַרשעמט צווישן די „דייטשן”. רב נאָסקע האָט געטראָגן אַ נייעם פּלושענעם רבנישן קאַפּעלוש. און ער האָט אים גע-טראָגן אויפן קאָפּ ריכטיק, נישט ווי אַלעמאָל—אין דער ברייט. נאָך צומייסטן האָט זיך געפּאָרעט דער פּראָקורענט פּליג. ווי אַ ספּרענזשינע האָט ער זיך געבויגן און געדרייט אין אַלע זייטן. ער האָט זיך געריבן צווישן די וואַזשנע געסט, מיט יעדן עפּעס גערעדט און צו ווענען עס האָט געלוינט — האָט ער כיטרע געשמייכלט. און פון מאָל צו מאָל האָט ער עפּעס איינגערוימט דעם הער אָווסעי אַ פּריש רכילותל אויף עמיצן פון די געסט, פון וואָס דער באַלעבאָס האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן.

## 21

## הערשלס „טשיז”

גאָרנישט דערלייגט צו דעם עסק האָט אויך הערשל. ער וואָלט נאָר וועלן, אַז כאָטש יעדע וואָך זאָל זיין ביי די באַלע-באָטים אַזאַ „קידושל”.

וואָרן ווו עפּעס אַ שמחה ביי אַ באַלעבאָס האָט שוין הערשל זיין „טשין”. ער שטייט אין קאָרידאָר, נעמט-צו ביי די געסט די גאַרדעראָב און היט זי אָפּ.

אַזאַ טאָג איז ביי הערשלען נישט קיין געוויינלעכער. ער קומט אַ פּריש-ראַזירטער און מיט אַ גלאַט-אונטערגעשוירענעם קאַרק.

ער איז אָנגעטאָן אין באַלעבאָס׳ אַן אָפּגעטראָגענעם אַנצוג, אין וועלכן ער קאָן בריווח אַריינגעמען נאָך איינעם. אויף די פיס — אַ פּאָר באַלעבאַטישע אָפּגענוצטע לאַקערקעס.

און אָט־אַזוי־אָ, שמייענדיק־פאַרפּאָרעט מיט עפּעס אַ מע־שעגעם מעדאַל אין אַ לאַנץ שטייט הערשל אין קאָרידאָר און האַלט אין אָרדענונג די מלבושים.

פון מאַכן אַ כוסה און עפּעס נעמען אין מויל אַריין — מיט אַזעלכע זאַכן קאָן מען הערשלען נישט מאַכן מיד. אַלע געדענקען אָן אים און יעדע פּאָר מינוט טראָגט אים עמעץ אַנדערש עפּעס צו. הערשל אָבער האָט פיינט זיך צו פאַרלאָזן. נאָך פריער מאַכט ער „בלאַט" מיט די סאַרווערס און יענע דערלאַנגען אים שוין די ריכטיקע זאַכן.

און ווען די געסט הייבן זיך אָן פאַנאַנדערצוגיין, וויגט זיך שוין הערשלס קאָפּ ווי אַ לאַמטערן אין ווינט. פונדעסט־וועגן האָט נאָכנישט געטראָפן, אַז הערשל זאָל פאַרטוישן עמיצן אַ זאַך. זאָגט טאַקע אָפּט רב נאָסקע ווען ער ווערט אין כעס אויף הערשלען!

— ווי קומסטו צו זיין אין אַ געשעפט? אַ שיינער גע־שעפט־מענטש. דו דאַרפסט שטיין ביי מלבושים אין אַ רעסטאָ־ראַן אָדער אין אַ האָטעל.

## 22

## נייע „עבדים"

אין צענטראַל־שפּייכלער זענען שוין דאָ נייע „עבדים". דריי זענען זיי: אַ מאַגאַזינער, אַ געהילף און אַ „שוואַרצער". דער הער אָווסעי האַלט זיי אין איין רימען. ענדלעך, זאָגט ער, האָט ער געקריגן אַ פּאָר לייטישע „מענטשן".

— גייט אַריין אין שפּייכלער — זאָגט ער צו די אַלטע „מענטשן" — וועט איר זען, ווי אַזוי מ׳דאַרף אַרבעטן.

ווי־נאָר אָבער ס׳איז געוואָרן דאָנערשטיק ביינאַכט און די

נייע „מענטשן" זענען געקומען נאָך פּענסיע, זענען זיי ביים הער אָווסעי באַלד געוואָרן: נייע געלט-נעמער, בלוט-צאַפּער, אויסרייסער, אידיאָטן, בידלאַקעס און סתם בהמות.

## 23

## דער מאַגאַזיניער

דער מאַגאַזיניער הייסט סטעפּאַן דרייער. און לויטן ביי-שפּיל פון הער אָווסעי רופן שוין אים אַלע „פּאַניע סטאַפּעניע".

דער מאַגאַזיניער איז שוין אַלט עטלעכע און פופציק יאָר און איז נאָך אַ בחור. שטענדיק האָט ער אַ רויט-געגאָלט פּנים און אַ פּאָר שוואַרץ-אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן, ווי אַ בייזער סטרוזש.

סטעפּאַן שטאַמט פון אַ רייכער, יחוסדיקער משפּחה — לויטער גוטבאַזיצער און פאַבריקאַנטן — און איז אויך די באַ-לעבאַטימס אַ שטיקל קרוב. סטעפּאַן האָט אויך נישט שטענדיק געאַרבעט ביי יענעם. ער האָט אָפט ליב צו דערציילן, ווי-אַזוי ער האָט אין דער מלחמה-צייט פאַרקויפט זיין ירושה פאַר אַ סך מיליאָנען מאַרקן און דערנאָך פאַר די אַלע מיליאָנען קוים גע-קריגן צו קויפן אַ קערצל קאַרטאָפל און נאָך אַליין עס געמוזט אַהיימשלעפּן אויף דער פּלייצע.

## 24

## משה-בער

דער געהילף-מאַגאַזיניער, משה-בער, איז אויך אַן אייגע-נער און דער הער אָווסעי האָט אים אַראָפּגעבראַנגט פון שטעטל סוכאָוואָליע.

משה-בער איז אַ געזונטער יינג. נאָר ער האָט אַ טבע צו שוויצן. זומער און ווינטער שוויצט ער מיט חלשותדיקע ריחות. אַ פּנים האָט ער אַ רויטס, אַ ברייטס, ווי אַ סאַמאָוואַר און די

נאָז איז בײַ אים פּונקט װי אַ קאַלעדיקער קראַן פֿון װעלכן עס האַלט אין אײן קאַפּען, בײטאָג און בײנאַכט, זומער און װינטער.

אין משה־בערן האָט זיך דער באַלעבאָס נישט געגאַרט. נאָך אַ פּאָר יאָר שײלן קאַרטאָפֿל און פּוצן שטיװל בײַם מיליטער; און נאָך װײטערע עטלעכע יאָר אַרומדרײען זיך אין שטעטל פּוסט־און־פּאַסט — זומער מיט אַ באַלאָן װאַסער און װינטער — בײַם צעהאַקן אַ פֿורל האָלץ פֿאַר אַ רײכן באַלעבאָס — איז משה־בער, אָנקומענדיק אויף דער שטעלע, גלײַך אַרײַנגעקראָכן אין אַן אונטערטעניקע הינטישע פֿעל. אויפֿן דריטן טאָג האָט ער שוין געװוּסט צו דערצײלן דעם באַלעבאָס, אַז װען נישט ער, משה־בער, װאָלט דער מאַגאַזיניער הײַנט געמאַכט אַ טעות אין אַ הונדערט קילאָ סחורה. און אויף דער אַנדערער װאָך האָט ער שוין אײַנגערוימט דעם הער אָװסעי, אַז דער שװאַרץ־אַרבעטער ליגט כּסדר אין די װינקלען און האַלט אין אײן גראַבלען זיך אין די קעשענעס. און פֿאַרענדיקט האָט ער מיט אַ װיש מיט דער האַנט אונטער דער נאָז.

— בײַ מיר פֿאַניע פֿלינט איז אַרבעט נישט קײן חרפּה... איך קאָן טון פֿאַר דרײַ. אַבי געזונט און יאָרן. מײַן זײדע, דער אמתער משה־בער יאַנטעװ, איז טאַקע געװען באַלעבאָס איבער אַ האַלבע שטאָט מויערן. איך אָבער זאָג זיך נישט אָפּ פֿון דער שװערסטער אַרבעט. אַבי געזונט און יאָרן.

— נו גוט, גוט משה־בערל — האָט אים דער הער אָװסעי פֿלומרשט גיך אָפּגעפּטרט — כ'װעל שוין טון אַזױ װי דו װילסט. ביסט דאָך עפּעס אַ שטיקל אײגענער — האָט ער כיטרע צוגעשמײכלט צום פּראָקורענט פֿליג.

און די אַנדערע װאָך איז שוין טאַקע דער שװאַרץ־אַרבעטער געװען אָפּגעזאָגט. בשתיקה, אַז קײנער זאָל נישט װיסן, האָט דער הער אָװסעי משה־בערן געגעבן אַ גרעסערע פּענסיע װי דעם מאַגאַזיניער, כּדי ער זאָל גוט אַכטונג געבן אויפֿן שפּײַכלער און אויפֿן פֿאַן סטעפּאַן. דעם פֿאַן סטעפּאַן האָט ער װידער געבעטן אַכטונג צו געבן אויף משה־בערן:

— ווייל וואָס איז ער דען, דער משה־בער? — פלעגט דער הער אָווסעי כּסדר דערמאָנען סטעפּאַנען — אַ וואַסער־טרעגער, אַ כלאָפּ, אַ זשלאָב, וואָס קאָן קוים שרייבן מיט קרייד פּאַ־סעקלעך, רעדעלעך און צעדרייטע אויסגעקרומטע ציפערן. אַ, ווי זאָגט איר, פּאַניע סטעפּאַניע?

## 25

## דער יעקע

ס׳איז כּדאַי נאָך צו דערמאָנען דעם הער קיטמאַן, וועל־כער אַרבעט אין קאַנטאָר שוין זייער לאַנג אָבער מיט אַ סך איבררייסן.

דער הער קיטמאַן איז אַן אמתער דייטש, אַן אַלטער גוי, אַ יעקע, וועלכער לעבט שוין אין פּוילן, צווישן יידן, פון יינגלווייז אָן. ער רעדט יידיש בעסער ווי אַ פּינטשעווער ייד. און איבערלייענען אַ קאָטשערעוואַטע סוחריש בריוול מיט אַן אַ שיעור לשון־קודשדיקע גרייזן איז ביי אים אַקוראַט ווי אויפ־עסן אַ פּוטערשניט און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז ביר.

נעבן דעם הער קיטמאַן קאָן מען זיך לחלוטין באַגיין אָן אַ זייגער. עפנט ער אינדערפרי די טיר פון קאַנטאָר, ווייסט מען, אַז עס איז פּונקט ניין. נעמט ער שניידן די פּוטערשניטן און טרינקען ביר — איז עלף. פאַרלאָזט ער דעם קאַנטאָר, ווייסט מען, אַז ס׳איז פּונקט פיר. אַ פּאַפּיראָס רויכערט ער יעדע דריטע שעה. אַ פּודעלע שוועבעלעך איז ביי אים אויסגערעכנט אויף „זיבען טאַגע” און מיט אַ ראַזיר־מעסערל גאָלט ער זיך גענויע „דרייאונצוואַנציק מאַהל”.

מיט אַלע איבעריקע אָנגעשטעלטע האָט ער קיין שום מגע־ומשא. אַ גאַנצן טאָג זיצט ער איבער דעם גראָבן קאָנטאָ־בוך און טוט זיין אַרבעט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. ער איז ס׳רוב פאַרכמורעט און פאַרשלאָסן אין זיך. בלויז איין מאָל אין יאָר ווען ער קומט פון אורלויב פון זיין „היימאַט”, צע־

רעדט ער זיך אַ ביסל אויס אין באַוויזט אַ הייטערער געמיט. דער־נאָך אָבער פאַרזינקט ער ווייטער אין זיינע געדאַנקען און טראַכט וועגן יענע צייטן, ווען ער איז געווען פאַרטרעטער פון די גרעסטע אויסלענדישע פאַבריקן; און אויך וועגן יענער צייט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן, ווען ער, דער הער קיטמאַן, איז געווען קרייז־פּראָקוראָר און „אַבטראַנספּאָרטירט" אַוווּ מ׳דאַרף אַ היפּש ביסל „געפערליכע לויטע".

און יעדעס מאָל האַלט ער זיך אַזוי לאַנג ביים הער אָוו־סעי ביז וואַנען זיי צעווערטלען זיך. און אָנצוזידלען אַ ביסל דעם דייטש, דעם חזירישן גוי זוכט דער הער אָוסעי שטענדיק אַ געלעגנהייט, נאָך פאַר יענע צייטן ווען קיטמאַן איז געווען אויפן פערד און ער, דער הער אָווסעי, דעמאָלט אַ קליין סוחרל, האָט זיך געמוזט בוקן פאַר דעם דייטש אין דרייען.

לכתחילה לאָזט זיך נישט דער הער קיטמאַן. ווען ער זעט אָבער, אַז דעם הער אָווסעי זעצט זיך שוין אַ שוים אויפן מויל, פאַרמאַכט ער דאָס גראָבע קאָנטע־בוך, פוצט אָפּ אויף טרוקן די פעדער און לייגט זי אַוועק אויף אַן אָרט, טוט אָן דעם קאַפּעלוש און פאַריכט דאָס הענטל פון שטעקן, וועלכעס שרויפט זיך אַ ביסל אָפּ, נאָכהער טוט ער זיך אַ נויג צו אַלע־מען און אויך צום הער אָווסעי:

— אַדיעי מיינע הערן.

און אויף צומאָרגנס קומט ער שוין נישט.

אַמאָל דויערט עס אַ חודש און אַמאָל אַ יאָר. אָבער אַלע ווייסן שוין, אַז דער הער קיטמאַן וועט זיכער צוריקקומען. אַמ־מייסטן אַרבעט אַרום דעם דער הער אָווסעי אַליין. ער זאָגט אים אַפילו צו אַ הוספה. ווייל די באַדערפעניש אויסצוזידלען דעם דייטש, דעם גוי, איז ביי הער אָווסעי זייער גרויס. און וועמען איז נאָך בעסער און לייכטער צו זידלען ווי דעם, וועלכן מ׳באַצאָלט דערפאַר פענסיע?

# 26

## זיי קרעכצן

זינט עטלעכע טעג קרעכצן די באַלעבאַטים:

— איי, נישט גוט! מ'לייזט נישט קיין געלט! מ'גייט אונ-טער! און די הוצאה איז גרויס! נישט גוט. איי. איי.

דער ערשטער הויבט אָן קרעכצן ווי געוויינלעך, דער הער אָווסעי. ער האָט אַ קוק-געטון די אונטערשטע שורה אין אומ-זאַץ-בוך און גלייך איז זיין פּנים געוואָרן אַזוי ווי ער וואָלט ראַפּטום באַקומען אַ פעסטן שנעל אין דער נאָז. פאַמעלעך און צוזדריינגלעך האָט ער אַרומגענומען מיטן אויג די חברה „פּרע-סערס", וואָס זיצן דאָ אויף זיין קאַרק. און געטראַכט האָט ער בעת-מעשה: ווען ער קען זיי אַזוי נעמען איינס ביי ס'אַנדערע און אַרויסשליידערן אין אַלדע שוואַרץ יאָר!

ערגער איז נאָך בעת אַזאַ מעשה אין געשעפט. מילא, אין קאַנטאָר זיצט מען נאָך און מ'קראַצט מיט די פעדערס. אין געשעפט אָבער דרייט זיך אַרום רב נאָסקע, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און האַלט אין איין פרעגן: „נו, איר האָט טאַקע נישט וואָס צו טון?" ראַטאָמער ווייסט שוין וואָס צו טון אין אַזאַ צייט. ער פאַרט אויף עטלעכע טעג אין אַ שטעטל צו אַ פעטער; אָדער ער פאַרברענגט טעג און נעכט ביי דעם יונגן ווייבל, וועלכע וואַרט נאָך אַלץ אויף די „פּאַפּירן" פון איר מאַן אין אַמעריקע. און אין געשעפט אַריין באַפעלט ער, ראַטאָמער, גאָר פּשוט: אַז ער איז קראַנק.

שליוונציק ווידער נעמט זיך אויסגלייכן די פּאַליצעס וואָס ליגן גאָר נידעריק ביי דער פּאָדלאָגע, כּדי מ'זאָל אים קוים אַרויסזען. און בערל פּיקטער האַלט אין איין אַריינקוקן אין די אויוונס און מיט דער קער-באַרשט אַרבעט ער מעשים, אַז מ'קאָן שוין דאַכט זיך אויף דער פּאָדלאָגע קיין שטויבעלע נישט געפינען.

אָט-אָ-דאָס קען אים שוין רב נאָסקע נישט פאַרגינען. ער

האָט גראָד ליב, אַז אין קראָם זאָל זיין אַ קאָפּעטשקע אָנגע־מושבט. ווייל אַ קראָם איז נישט קיין אַפּטייק. און ער טוט בערלען אַ זאָג, אַז עס פאַרגייט אים אַזש אין דער זיבע־טער ריפּ:

— אָן אַ געלעכטער רב בערל. איר האָט דאָך שוין גע־מאַכט אַ תּל פון דער באַרשט.

## 27

## אסיפות

און אַז מען לייזט נישט קיין געלט, מאַכן די באַלעבאַטים, נאָכן פאַרשליסן דאָס געשעפט, אַ זיצונג אין הער אָוועסיס קאַבינעט. די קאָנטאָרמענטשן דרייען זיך אַרום הינטער דער טיר, אָפּגעגאָסענע מיט שוויס, ציטערנדיק פון פּחד און פאַר־זיכטיק לייגן זיי צו אַן אויער צום שליסל־לאָך:

— האַ, וועגן וועמען רעדן זיי?

רב נאָסקע זאָגט, אַז אַ העלפּט „מענטשן" איז אויך צו־פיל, און אַז די פּענסיעס איז נאָך ערגער ווי צאָלן פּראָצענט. ווייל פּענסיעס קענען איינשלינגען אַ ים. ער געדענקט נאָך דאָס פון יעקאַטערינאָסלאַוו ווען ער האָט אַליין געפירט אַ פאַבריק.

רב מנשהקע, וועלכער טוט אויס אין קאָנטאָר דעם קאַ־פּעלוש און האָט סתּם ליב זיך עסקן אין ביכער און מיט ציפערן, האָט ווי זיין טבע איז זיך געגעבן אַ בייזער אָפּ אויף נאָסקען און געזאָגט:

— ער מיינט, ווייל ער יגייט שטענדיק אַרום מיט די הענט אויפן הינטן און טוט גאָרנישט, אַז מען קען זיך באַגיין אָן „מענטשן". זיי האָבן נאָר גלאַט צו־גרויסע פּענסיעס, אַזוי מיין איך.

הערמאַן, נישט קענענדיק פאַרטראָגן דעם שטאָך וואָס רב מנשהקע האָט געגעבן זיין טאַטן, האָט גלייך אָפּגעענטפערט:

— איר מיינט, מנשהקע, אַז אַ ווײכטיקע אַרבעט איז די, בײַ וועלכע מען פֿאַרשוויצט זיך. הערשל טוט אויך אַזאַ אַרבעט. די קאָפּאַרבעט איז אַ ביסל ווײכטיקער.

— יע — האָט רבֿ נאָסקע גלייך מסכּים געווען און אויף רבֿ מנשהקעס פּנים האָט גענומען אַרומשפּרינגען אַ רויטקייט.

— איי, וואָס טויג מיר איצט די משפּחה־מעשׂיות — האָט דער הער אָווסעי ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— ס'איז נישט גוט און מען דאַרף זיך מיישבֿ זיין. און וויסן זאָלט איר איינס. ס'איז אַזוי ווי פֿליג זאָגט: האַנדלט מען מיט באָבעס, פֿאַרדינט מען אַ באָבע. האַנדלט מען מיט הייזער, פֿאַרדינט מען אַ הויז.

## 28

## ווער איז שולדיק?

ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז שולדיק אין דעם וואָס „מ'לייזט נישט" איז די „קאָנקורענציע". אָט־אָ־די זעלביקע קאָנקורענטן, וואָס דער הער אָווסעי האָט געמיינט, אַז ער האָט זיי שוין איינגאַנצן ליקווידירט. זיי האָבן טאַקע פֿאַרמאַכט זייערע קראָמען, אָבער די סחורות האָבן זיי אין ווייסל אַריין נישט געוואָרפֿן. די סחורה ליגט בײַ זיי אונטער די בעטן, אין די שענק און אין די קעלערס. פֿון „שטייער" זענען זיי פּטור. „מענטשן" מיט די אַלע איבעריקע צרות האָבן זיי אויך נישט. קענען זיי טאַקע רייבן אַ קויל און ציען אָפּ אַלע קונים.

און אַ חוץ דעם האַלטן נאָך אַ טייל סוחרים וואָיאַזשאָרן. און אַז מ'פֿאָרט צום קונה פֿאַרשפּאָרט שוין דער קונה צו קומען אַהער.

— נו און איינס מיטן אַנדערן — האָט דער הער אָווסעי אויסגעפֿירט — שטייען מיר דערווײַלע מיט דער קראָם און אַנדערע לייזן געלט.

— עס איז נאָך נישט אַזוי ווי דו זאָגסט — האָט נאָסקע

אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אונזערע קונים וועלן אין אַן אַנדער אָרט נישט קויפן.

— נו, ער גלויבט נאָך אַלץ אין די קונים — האָט שוין דער הער אָווסעי גענומען שפּריצן מיט שפּייעכץ — אַלע ביי איינעם זענען זיי, וואָס? זשוליקעס, סוואָלאָטשעס. און דו אַליין זוכסט נישט ווו ס'איז אַ גראָשן ביליקער. גאָרנישט. ס'איז אַן אַלטע מעשה. יעדער סוחר איז אַ כיטראַק און אַ גנבֿ.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז דער הער אָווסעי ראַפּטום אַרויס פון געשעפט, פאַרקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר.

און איידער ער איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט, האָט ער נאָך מיט אַ שמייכעלע געזאָגט צום פּראָקורענט:

— האַ, פּאַניע פּליג? אונזער קאָנקורענץ — דאָס איז אַזאַ חיה, וואָס טאָמער נעמט מען זי נישט אָן ביי דער מאָרדע אַזוי-אָ וועט זי זיך נישט אונטערגעבן.

דער פּראָקורענט האָט זיך גענייגט אויף דער שטול און צוריק געשמייכלט:

— אוודאי. נאָר אַזוי ווי איר מיינט.

דערנאָך האָט זיך דער הער אָווסעי אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. ער האָט כּסדר טעלעפאָנירט צו אַלע סוחרים פון זיין גראַד, זיי גערופן אויף אַן „עקסטראַ זיצונג" און יעדן איינעם געזאָגט בסוד, אַז ער האָט דעם ריכטיקן פּלאַן ווי אַזוי צו ראַטעווען די בראַנזשע פון דער שווערער לאַגע. און גאָר צום סוף האָט ער טעלעפאָנירט צו זיך אין שטוב, צוגערופן די מאַ-דאַם און אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן:

— פּאַלטשאַ דו הערסט! ביי אונז וועט זיין די „זעבראַ-ניע". די וויכטיקסטע מענטשן. אָבער זע, פּאָלטשאַ, ווער דאָך אַ ביסל קלוגער.

## 29

### אַ סוחריש ערן־וואָרט

די „זעבראַניע״ פון די הורטאָווניקעס איז טאַקע פאַרגעקומען. דער הער אָווסעי האָט אויפגעוויזן, אַז קודם מוז מען צעקוועטשן אַט־אָ־די קאָנקורענטן, וואָס פירן נישט קיין אָפענע געשעפטן. און צווייטנס האָט ער געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך אונטערשרייבן, אַז פון היינט אָן שיקט מען נישט מער קיין וואַיאַזשאָרן אויף דער פּראָווינץ, וועט ממילא דער פּראָווינצער קרעמער מוזן קומען צו אונז. און דעמאָלט וועלן מיר שוין אים דיקטירן און נישט ער אונז.

דאַכט זיך, אַלע זענען באַשטאַנען אויף אַזאַ גלייכע זאַך און זיך אונטערגעשריבן דערויף מיט ביידע הענט. נישט מער, יעדער האָט זיך געטראַכט און דער ערשטער טאַקע דער הער אָווסעי: זאָלן זיי טאַקע קיינעם נישט שיקן. און איך וועל אַרויסשיקן עטלעכע מענטשן כלומרשט אויף איינצוקאַסירן חובות.

נו, און אויף צומאָרגנס נאָך דער „זעבראַניע״ האָט טאַקע יעדער „הורטאָווניק״ צוגענומען מינדסטנס צוויי וואַיאַזשאָרן. און אַלע מיט דעם זעלביקן תּירוץ: איינמאָנען אויף דער פּראָווינץ די חובות.

## 30

### בייצ „מענטשן״

אָט אַזאַ טבע האָבן שוין די באַלעבאַטים: דעם טאָג ווען מ׳לייזט נישט איז זיי אַפילו איין „מענטש״ אויך צופיל. ווי נאָר אָבער דער „הלוך נעמט ילכן״ ווילן זיי איינשלינגען די גאַנצע וועלט און וויפל „מענטשן״ זיי האָבן איז זיי אַלץ צו־קנאַפּ.

אַחוץ די עטלעכע וואַיאַזשאָרן האָט דער הער אָווסעי נאָך צוגענומען אין קאַנטאָר צוויי פריילײַנס און אַ שיק־ייִנגל.

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי אַ „שיק־יינגל״. אינדערעמתן איז דאָס אַ יונג, וואָס ווערט ערשט זאַט ביים דריטן פרישטיק; אַ יונג, אַ הויך, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ היפּשער באָרד־שפּראָצונג. אייגנטלעך פּאַסט ער איננאַנצן נישט צו דער אַרבעט. נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ קרוב אַ דאָזאָר און דער דאָזאָר אַליין האָט געבעטן דעם הער אָווסעי, נו, דאַרף מען שוין אַ בעסערן זכות?

און אַז עס פאָרן אַרום עטלעכע וואָיאַזשאָרן און שיקן אַריין יעדן טאָג געשוואָלענע קאָנווערטן מיט באַשטעלונגען; און אַזוי ווי די קאַסירשע באַווייזט נישט צו מאַכן קיין העלפט רעכענונגען, האָט מען אַריינגעזעצט אין איר קאַנטאָרל נאָך אַ רעכענונג־שרייבער, אַ פּאָליעסער בחורעץ, אַ שלאַנקער מיט אַ געדיכטע טונקעלע גריווע ווי ביי אַ ראַסאָווע פערד.

די קאַסירשע האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז דער פּאָליעסער געפעלט איר. זי האָט אים באַלד געזאָגט, אַז זי „גוסטירט״ אין אַזאַ טיפּ מאַנספּאַרשוין ווי ער איז; און אַז ער איז גאָר קיין מבין נישט אויף זיין וווּנדער־שיינער נאָז — אַן אמת גריכישע נאָז — און אַז אין דער נאָז זיינער האָט זי זיך פאַרליבט כמעט אין דער ערשטער מינוט ווי זי האָט אים דערזען.

רב מנשהקע האָט באַלד גענומען אַרבעטן מעשים אַרום דעם פרישן שידוך. ביי אים האָט ווידער אויפגעבליצט די אַמביציע: „כאָטש איינאייניציקן שידוך אין לעבן אַדורכפירן״. נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז רב נאָסקע האָט שוין באַוויזן קאַליע צו מאַכן.

דער וואָלינער פאַרנעמט טאַקע העפלעך אירע שמייכלען. אָבער ער ווייסט שוין לויט נאָסקעס רייד: „אַז זי קוקט נאָר אויס אַזוי יונג. אָבער אינדערעמתן איז זי שוין אַריבער די פערציקער. ווייטער מיט דעם געלט, וואָס זי האָט פלומרשט, איז עס אויך אַ באָבע־מעשה. און „בכלל״ איז זי גלאַט אַ כיטרע, קוקט נאָר אויס אַריינצונאַרן. אַ ליגנערין, אַ גאָרנישט. און ערשט טראָגט זי גלאַט אין זיך עפּעס אַזעלכע מאָדנע קרענק, וואָס זי מוז מיט זיי אָנשפאַרן אַזש קיין אויסלאַנד״.

— ערגוואָרט רב נאָסקע, אַז איך האָב גאָרנישט בדעה צו ווערן אַ חתן. נישט מיט איר און נישט מיט אַן אַנדערע — זאָגט דער פּאָליעסער, שמייכלענדיק, נישט וועלנדיק אויסהערן אַזויפיל רכילות.

— אָ, אויב אַזוי, איז דאָך אַוודאַי גוט. פונדעסטוועגן מאַכט נישט אויס, אַז איר ווייסט דאָס. — ענטפערט רב נאָסקע מיט גרויס הנאה.

# 31

## אויף דער גאַנצער פּאַרע

הכלל ס׳געשעפט גייט אויף דער גאַנצער פּאַרע און די באַלעבאַטים פּראַווען שמחות. רב נאָסקע האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און געגומען אַ יחוסדיקן איידעם. די קאַסירשע זאָגט, אַז זי וועט די חתונה לאַנג-לאַנג געדענקען. און הערשל שפּירט נאָך דעם טעם אין מויל פון די רעשטלעך טייערע וויינען און ליקערן וואָס זענען איבערגעבליבן אין די אויסגע-ליידיקטע פלעשער. איצט האַלט עס, אַז רב מנשהקע זאָל אָנ-הויבן חתונה מאַכן זיינע קינדער. נאָר עפּעס מאַכט זיך נישט קיין גלייכע זאַך. ווייל דאָ ווו ער וויל, וויל מען נישט אים. און דאָ ווו מ׳וויל אים, וויל ער נישט. צומיינסטן רעדט אים אָפּ דער הער אָווסעי, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס שמעקט מיט אַרויסשלעפּן פון געשעפט פרישע שווערע טויזנטער. האַלט ער דעריבער אין איין טענהן:

— מנשהקע, עס פּאַסט נישט פאַר אונז. וואָס וועט די וועלט זאָגן? און נאָסקע מיינסטו האָט יאָ באַדאַרפט טון דעם שידוך? טאַקע אַ שיינער מחותן. אָבער וואָס איז ער? אַ קבצן און ווייטער גאָרנישט.

דאַקעגן האָט דער הער אָווסעי ליב צו רעדן וועגן הער-מאַנס שידוכים. דאָ איז אים שוין אַלץ איינס, צי ס׳פּאַסט יאָ, צי ס׳פּאַסט נישט. ווייל ער ווייסט, אַז נישט הערמאַן וועט געבן נדן, נאָר נעמען.

דערווײַל האָט דער הער אָווסעי פֿאַרגרעסערט זײַן וווּנדונג און זיך אויסגעשיקעוועט, זאָגט מען, אַ דירהלע אַ צאַצקע — איז עס איינס אויף דער גאַנצער גאַס.

און ווײַטער איז קיין שום נײַעס.

רב נאָסקע האָט טאַקע אויף צומאָרגנס, נאָך זײַן טאָכטערס חתונה, געבערענגט אין געשעפֿט אַרײַן פֿאַר די „מענטשן" לעקעך מיט בראָנפֿן; ער היט אָבער ווײַטער נאָכמער ווי פֿריער דעם עולמס קעשענעס. דער פּראָקורענט פּליג זאָגט ווײַטער וויצן און דערצײלט דעם הער אָווסעי „מעשׂיות" פֿון זײַנע קאָנקורענטן פֿון וואָס דער באַלעבאָס האָט גרויס הנאה. שליוניק קלײַבט ווײַטער געלט און פֿאַרגינט זיך שוין צו עסן אַ „צווייט פֿרישטיק". הערשל נאַרט אַלעמען, דרייט זיך אַרום כּלומרשט פֿאַרפֿאַרעט און קנײַפּט בעת־מעשׂה פֿון קעשענע אַרויס שטיקער ברויט. און בערל פּיקטער מאַטערט זיך ביי דער מינדסטער אַרבעט, מוז אָפֿט נעמען אין מויל אַרײַן אַ שטיקל צוקער כּדי צו דערכאַפּן ס׳האַרץ און האַלט אין איין טראַכטן: וועגן דעם, אַז דער מוזיניק זײַנער אין דער ישיבה מוז שוין אַרומגיין קריעה־בליעה; אַז דאָס ווײַב ליגט שוין ווידער פֿאַרשלאָפֿט און די קאָזע האָט זי שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט; און פֿאַר „סטאַנציע" איז ער שוין ווידער שולדיק; און אַז דער הער אָווסעי האַלט אַלץ אין איין זאָגן: „אייך, רב בערל, וועל איך שוין געבן געלט די אַנדערע וואָך".

# 32

## דער נײַער פּאַקער

ס׳איז שוין אָנגעקומען דער נײַער פּאַקער, דער סאָכאַטשעווער. אַ יונגער בחור, דאַר און הויך געוואַקסן מיט אַן אומגעוויינלעך הויכן האַלדז ווי ביי אַ גאָנער. ער איז די באַלעבאָטיחס אַ קרובֿ און האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ פֿאַרמאַכט בריוול פֿון זײַן מוטער צום הער אָווסעי. אין דעם בריוול בעט

די מוטער דעם באַלעבאָס, אַז ער זאָל למען השם געדענקען, אַז דער ייִנגל איז אַ יתום און אַז ער וועט טריי דינען.

דער הער אָוסעי האָט זיך אַ ביסל פאַנאַנדערגעשמועסט מיט דעם סאָכאַטשעווער וועגן דער משפחה און לסוף אים טיף אַרייַנגעקוקט אין די אויגן און ווי געציילט יעדעס וואָרט:

— אַ שאָד אַפילו, וואָס דו קאָנסט נישט שרייַבן. נאָר עס מאַכט נישט אויס. ביי מיר וועסטו זיך אַלץ אויסלערנען. דער עיקר, געדענק גוט, וואָס איך זאָג דיר: אַכטונג געבן און מיר אַלץ דערציילן. און זאָלסט זיך נישט לאָזן צורעדן פון זיי, דו הערסט? און פון זייער פאַריין זאָלסטו אַפילו נישט וועלן הערן, דו הערסט?

35- 67603

דעם סאָכאַטשעווערס האַלז האָט זיך אַראָפּגעבויגן, ווי אַן איבערגעבראָכענע צווייַג און זייַן קאָפּ איז נידעריק געזונקען אין דער בענקעניש נאָך דער אָקאָרשט-פאַרלאָזענער היים.

ער האָט זיך אָבער גיך צוגעוווינט צו דער אַרבעט, דער נייער פּאַקער. תחילת איז ער געפעלן רב נאָסקען. באַלד אָבער האָט רב נאָסקע אייַנגעזען, אַז ער האָט געהאַט אַ שטיקל טעות. ערשטנס, זאָגט ער, האָט ער ליב צו זאָגן אַ ליגן; און צווייטנס האָט ער סתם אַ מיאוסע טבע צו לאַכן ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט. טאָמער פרעגט מען אים עפּעס, ענטפערט ער נישט גלייַך, נאָר לאַכט סתם אין דער וועלט אַריין. רב מנשהקע וואָרנט אים כסדר, אַז ער זאָל זיך אָפּגעוויינען פון דער טבע, ווייַל עס וועט אים קאַליע-מאַכן ביי אַ שידוך.

צומייַנסטן צרות אָבער פון דעם סאָכאַטשעווער האָט בערל פּיקטער. בערל וויל אים לערנען, ווייַזן אים ווי-אַזוי מען דאַרף פּאַקן אין די קאַסטנס. און ער, דער נייער פּאַקער, לאָזט זיך נישט, רייסט זיך ווי אַ יונגער זשרעבעקל. און דערצו קומט אים נאָך צו-הילף רב נאָסקע וועלכער חזרט איבער יעדעס מאָל:

— וואָס טשעפּעט עס אייַך, רב בערל. לאָזט אים אַליין. אַז ער פּאַקט טאַקע בעסער פון אייַך אויך.

ווי שטענדיק, האָט אויך איצט בערל פּיקטער אַראָפּגע-שלונגען די ביטערניש און גאָרנישט נישט געענטפערט. נאָר ער

האָט שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען, בערל: מ׳גייט אים פֿאַרבייטן מיט דעם נייעם פּאַקער. און ער האָט שוין אויך פֿאַרשטאַנען, פֿאַר־וואָס רב נאָסקען איז עפּעס פּלוצלונג אַזוי טייער געוואָרן, זיין, בערלס געזונט: „אָט־אָ־די סחורה לאָזט איבעו׳ צו פּאַקן פֿאַר דעם סאָכאַטשעווער״ — טוט רב נאָסקע אָפּט אַ זאָג. און דאָס אַלץ — טראַכט בערל — כּדי צו באַווייזן, אַז ער טויג שוין קנאַפּ־וואָס צום פּאַקן. און אָט אַזוי שטייענדיק טוט זיך בערל אינסטינקטיוו אַ קוק־אַרום אויף די ווענט מיט פּאָליצעס אַרום וועלכע ער באָברעוועט זיך שוין קנאַפּע דרייסיק יאָר און האָט אוועקגעלייגט זיין געזונט און כּוחות, כּדי צו דערהיטן און פֿאַרגרעסערן דאָס פֿאַרמעגן פֿון די באַלעבאַטים.

און ער האָט טאַקע נישט קיין טעות געהאַט, בערל. רב נאָסקע רעדט שוין אַריין אין אָווסעיען און באַווייזט אים, אַז בערל איז שוין לחלוטין איבעריק.

— ער איז שוין — טענהט ער — אַלט און שוואַך און ציטערט־אונטער מחמת אַלטקייט. און מיר קאָנען נאָך האָבן מיט אים דאָ אַ „ניעפּריאַטנאָסט״. גלייכער אים אַהיימשיקן און באַדיי אים עפּעס צאָלן חודש־געלט. וואָרן ס׳איי־ווי וועט ער לאַנג שוין נישט אָנטרייבן. פֿאָלג מיך.

# 33

## ב ר ע ג מ אַ ן

די וואָיאַזשאָרן האָבן, ווייזט־אויס, זיך פֿאַרנומען ווי אויף אַ געוועט. יעדער איינער באַמיט זיך צו פֿאָרן אין וואָס־מער שטעט און אַריינצושיקן וואָס־גרעסערע קאָנווערטן מיט וועקסלען און באַשטעלונגען. די באַלעבאַטים אָבער זאָגן, אַז אַלע דריי וואָיאַזשאָרן טויגן אויפֿן פּייער. דער הער אָווסעי, וועלכער האָט זיך תּחילת באַרימט, אַז ער האָט אַריינגעקריגן די בעסטע „פּערדלעך״, באַדויערט איצט גאָר, וואָס ער האָט זיי איינגאַנצן צוגענומען.

— ווייל איך האָב שוין איינגעזען — זאָגט ער — אַז אַלע דריי זענען אויסן נאָר זיך אַליין. און דערצו איז איינער אַ ליגנער. יאָ, יאָ, אָט-אָ-דער רב מענדעלע, ווי איר קוקט אים אָן, וועלכער נעמט אומעטום גאָט פאַר אַן עדות און האַלט אין איין דאַווענען; דער צווייטער — האָט ער געמונען צײלן אויף די פינגער — אַ בהמה. יאָ, יאָ, אָט-אָ-דער שאול, כאָטש ער האַלט זיך פאַר אַ חכם און שטאַמט טאַקע פון אַ פיינע פאַ-מיליע. נאָר הערט וואָס איך זאָג. ער איז אַ בהמה. פליג זאָגט אויך דאָס זעלבע. און דער דריטער איז גלאַט אַ... זאָל איך עס פאַרמאָגן אין בארעס געלט, וואָס איך וואָלט אים נישט גע-טרויט. יאָ, יאָ, כאָטש ער האַלט זיך פאַר אַ דעמאָקראַט. הלוואַי וואָלט איך פריער געוווסט דאָס אַלץ וועגן אים.

דעם דריטן מיינט ער ברעגמאַנען. אָט-אָ-דעם, וועלכן דער פּראָקורענט פליג האָט אַ נאָמען געגעבן „פּאָנפלאַק", ווייל ער רעדט אַביסל אונטער דער נאָז.

ברעגמאַן איז פון די וואָיאַזשאָרן, וואָס האָבן ליב אַ קערטל און אונטערוועגנס זוכן זיי אויס אַכסניות, נאָר ווו ס'זענען פאַראַן שיינע באַדינערינס. נאָך יעדער רייזע דערציילט ער אָן אַ שיעור אַזעלכע מעשיות. און רב מנשהקע איז אַ בעלן זיך אָוועקצוזעצן מיט אים אויף שעהן-לאַנג און הערן זיינע מעשיות פון די האָטעלן און אַכסניות און ביינאַכטיקע פינסטערע וואַגאָ-נען. רב מנשהקעס גלעזלעך פון די ברילן שמייכלען, דאָס „דייטשע" בערדל ציטערט אַזש אונטער און לסוף קאָן ער זיך נישט איינהאַלטן:

— נו, פּאַניע ברעגמאַן, איך מוז אַמאָל צוזאַמען מיט אייך פאָרן אויף דער רייזע.

אַמאָל איז ברעגמאַן געווען אַ גאַנצער קנאַקער. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין פאַריין פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע. אין דער פירמע ווו ער האָט אַמאָל געאַרבעט, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ שטרייק און דערפאַר איז ער אָפּגע-זאָגט געוואָרן פון פּאָסטן. אָבער דאָס אַלץ האָט ער שוין לאַנג פאַרוואָרפן אָן אַ זייט און זיך באַמיט צו פאַרגעסן אין דעם

וואָס געוועזן. זיינט דעמאָלט ווייל ער שוין גאָרנישט הערן פֿון אַזעלכע זאַכן, ווי „שטרייקן". ווייל יעדער איינער, זאָגט ער, דאַרף זען זיך אַליין אויסצובעסערן זיין לאַגע.

ברעגמאַן קאָן אויסגעצייכנט די קונדשאַפט, קאָן אָבער שוואַך די בראַנזשע. דערפֿאַר האָט ער אַ טבע, ווען ער קומט פֿון דער רייזע, אַרומצוקריכן ביי די פּאָליצעס און זיך האַלטן אין איין פֿרעגן: „וואָס פֿאַר אַ מין איז דאָס און וואָס איז יענץ?" רב נאָסקע לאָזט אים בעת־מעשה נישט אַראָפּ פֿון אויג. ער זאָגט, אַז דאָס איז אַזאַ אָנשטעל פֿון אַ סאָרט וואָיאַזשאָרן. אָבער אינדעראמתן זענען זיי געכאַפּט אין דער מעשה „לא תגנב". און טאָמער נעמט זיך רב נאָסקע צו אַ מענטש, לאָזט ער אים אַזוי לייכט נישט אָפּ. ער האָט אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין אָוועסיען, אַז ברעגמאַנס „אַרומבאַבערעווען" אַרום די פּאָליצעס געפֿעלט אים נישט", ביז דער פּראָקורענט פֿליג האָט איינמאָל אין גיילדערנעם גוטן אַריינגענומען ברעגמאַנען אין קאַבינעט, אים אויסגעטון ביז די אונטערוועש און געזוכט ביי אים די סחורה, וועלכע רב נאָסקע האָט אָקאָרשט געזען, ווי ער האָט געשלעפּט פֿון דער פּאָליצע אין קעשענע.

נאָך אַ שעה צייט איז ברעגמאַן אַרויס פֿון קאַבינעט מיט אַ צעהיצט צוויקענדיק פּנים. קיינער פֿון פּערסאָנאַל האָט נישט געוווסט וואָס עס איז געשען. ווייל סיי ברעגמאַן און סיי די באַלעבאַטים האָבן טיף באַהאַלטן דעם סוד. ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען זיך דערוווסט, אַז מען האָט ביי ברעגמאַנען געזוכט אַפֿילו אין די שקאַרפּעטקעס.

נאָר איינס קומט נישט צום אַנדערן. ברעגמאַן טוט ווייטער אַלץ כּדי געפֿעלן צו ווערן די באַלעבאַטים. ער שיקט זיי מתּנות צו זייער געבורטס־טאָג. און דאָס אַלץ — זאָגט ברעגמאַן — דערפֿאַר, ווייל ער איז און וועט זיין אַ דעמאָקראַטישער מענטש.

# 34

## שאול

שאול בינשטאָק איז אַ מענטש, וואָס ביי אים הערט זיך אַלעמאָל „קיין שום נייעס". די שטיקלעך ירושה פון זיין צד און זיין ווייבס צד שטייען פעסט און זיכער. וועגן מאָרגנדיקן טאָג האָט ער נישט וואָס צו קלערן. און אויב עס מאַכט זיך אים אַמאָל אַ קלער אַרט דאָס אים אויך וויניק. ער לאָזט עס איבער פאַר זיין ווייב. „זי וועט עס שוין מאַכן גוט". אַזוי זאָגט זיך שאול אין יעדער פאַרלעגנהייט. זי איז אַ בריה אויף אַלץ.

שאול האָט שוין דערוואַקסענע קינדער און ער הייבט נישט אָן צו וויסן אין וואָסערע שולן זיי לערנען און וואָס זיי לערנען. „זי ווייסט אַלץ. אַלץ זי".

ער אַליין, שאול, ווייסט נאָר אַרומצופאָרן אין זיין ראַיאָן, אין די אַלע שטעט און שטעטלעך און ברענגען פאַר דער פירמע וואָס־מער באַשטעלונגען.

אַמאָל איז שוין שאול געווען באַלעבאָס פאַר זיך. ער האָט געהאַנדלט אויף אייגענעם חשבון. אָבער „זי" האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער טויג זיך נישט דערצו. ער האָט אַ צו־וויכע נאַטור און אַ צו־פּיטשינקע גאַל אויף צו זיין אַליין באַלעבאָס. האָט ער געפאָלגט און געוואָרן צוריק אַ „מענטש".

שאול ווייסט, אַז די באַלעבאַטים חוזקן פון אים אָפּ. נאָר עס אַרט אים נישט, ווייל זי האָט אים שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז הינטערן קייסערס פּלייצע מעג מען אַלץ רעדן. נו, פירט זיך שאול אַזוי ווי אַ קייסער. זינט אָבער ער איז געוווירגעוואָרן, אַז דער הער אָוסעי האָלט אים פאַר אַ בהמה, קען ער זיך נישט באַרויִקן. אפנים, אַז אָט די מעשה האָט ער זיך געשעמט „איר" צו דערציילן. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט ביז ער האָט געפּאַקט אָוסעיען אין אַ פרייע מינוט און גלייך צוגעטרעטן צום ענין:

— פאַניע פלינט — האָט שאול אָנגעהויבן — אַז איך

געפעלט אייך נישט קענט איר דאָך מיר זאָגן און איך קען אוועק־
גיין. נישט איר נעמט און רעדט פאַר די משרתים, אַז איך בין
אַ פערד, אַ בהמה. נו, זאָגט אַליין, פּאַסט דאָס פאַר אייך,
פּאַניע פּלינט?

דער הער אָוסעי האָט זיך אַזוי האַרציק צעלאַכט, אַז ער
האָט אַזש געמוזט רופן צו הילף פּליגן. דערנאָך האָט ער גע־
קלאַפּט שאולן אין דער פּלייצע און געהאַלטן אין איין אי־
בערחזרן:

— אוי, פּאַניע שאול. הלוואַי וואָלט איך געהאַט אַלע
אַזעלכע „מענטשן" ווי איר זענט. אַ, פּאַניע פּליג?

# 35

## רב מענדעלע

דער דריטער וואָיאַזשאָר, רב מענדעלע, איז אַ פול קיי־
לעכדיק יידל מיט אַ האַרט שפּיציק בערדל און אַ רונד פעסט
בייכל וואָס איז אים נאָך געבליבן פון יענע יאָרן, ווען ער איז
אַליין געווען אַ סוחר. רב מענדעלעס הענט און פיס באַוועגן
זיך ראַש און רירעוודיק ווי אויף שפּרינגפעדערס און פון זיין
מויל שיטן זיך ווערטער ווי פון אַ געלעכערטן זאַק. רב נאָסקע
זאָגט, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט ווי אַזוי דער מענטש קען
זיך פאַרגינען צו שלאָפן. סיידן, זאָגט ער, ער מוז אין שלאָף
אויך רעדן.

רב מענדעלע וועט קיינמאָל נישט קומען פון דער רייזע
אָן אַ קוישל אייער, פּוטער, קעז, עטלעכע עופות און נאָך זאַכן
פון וואָס דאָס בייכל ווערט נישט איינגעשרומפּן. באַלד אויפן
אָרט, ווי נאָר ער זאָגט דעם „גוטמאָרגן", מאַכט ער באַלד אַ
חשבון פון דער מציאה וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף דער
פּראָווינץ:

—דאָס גענזל וועט מען אָפּבראָטן און פון דער הון וועט זיין

אַ יויך... און אַזוי ווי די הון איז אַ פּעטע וועט נאָך זיין אַ ביסל שמאַלץ. און אַ ביסעלע ציבעלע מיט הינערן שמאַלץ ווינטש איך עס גאָר קיין שונא נישט. און דאָס מעגעלע מיט דער קישקע וועט, פאַרשטייט זיך, גיין אין טשאָלנט אַריין. און אַזאַ טשאָלנט ווי מיין ווייב מאַכט מעגט איר זיך, רבותי, פאַרגינען צו פאַרזוכן. און ווער עס וויל מעג טאַקע שבת אַרויפקומען צו מיר.

רב מענדעלע וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. נאָר פּלוצלונג פאַלט אַריין אין קראָם דער הער אָווסעי און גיט אים אַ פרעג:

— און וואָס האָט איר דערליידיקט אין בריסק?

ענטפערט רב מענדעלע אַזוי:

— איר הערט דאָך, פאַניע אָווסעי: איך קום אַריין קיין בריסק איז שוין שפּעט אין אָוונט און אַלע קראָמען זענען שוין פאַרמאַכט. ווייס איך דאָך, אַז מ׳קאָן גיין הינטנאַרומעט. דערווייל...

— אָבער איין וואָרט ענטפערט מיר: איר האָט דערליידיקט צי נישט?

— הערט איר דאָך: דערווייל האָט דאָרט מיין ווייב אַ קרובה און גיט נישט פון זיך צו וויסן שוין זיבעצן יאָרן. מיין ווייב האָט מיך שוין אַ סך מאָל געבעטן, אַז איך וועל זיין אין בריסק... דערווייל שפּיר איך, אַז עס נעמט מיר לויפן בלוט פון דער נאָז. איר הערט אַ מעשה? עס איז אַפילו ביי אונז אַ משפּחה־פעלער, מחמת צופיל בלוט. אָבער איך האָב שוין נישט געוווּסט דערפון זיבעצן עטלעכע יאָר. הכלל...

נאָר דאָ טוט שוין דער הער אָווסעי אַ רעד אַרויס אַ מיאוס וואָרט און לויפט אַרויס פון דער קראָם פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר. מענדעלע בלייבט שטיין אַ ווײַלע פאַרבליפט. אָבער באַלד טוט ער זיך אַ כאַפּ און זאָגט צו די איבעריקע באַלעבאַטים.

— אַ שיינע מעשה. איך קאָן אָווסעיען פון היינט? אַז ער וויל קיינמאָל נישט אויסהערן אַ תשובה. פאַרפאַלן. אַזעלכע בערוון. אַ, רב נאָסקע, וואָס זאָגט איר?

נאָר רב נאָסקע ענטפערט אים נישט.

רב נאָסקע האָט זיך פאַרשווּוירן נישט צו רעדן צו רב מענדעלען ווי לאַנג ער וועט דאָ אַרבעטן. רב נאָסקע איז לכתחילה געווען קעגן דעם, אַז מ׳זאָל גאָר מענדעלען צונעמען אַלס וואַיאַזשאָר. ווייל ביז מען וועט אים לייגן שערבעלעך אויף די אויגן, זאָגט רב נאָסקע, וועט ער נישט פאַרגעסן ווי אַזוי דער־אָ רב מענדעלע איז צוויי וואָכן איידער ער האָט באַנקראָטירט, אַריינגעקומען און אָט דאָ ביי דעם פּולט ווו רב נאָסקע שטייט אויסגענאַרט זיבן קאַסטנס מיט סחורה און נישט באַצאָלט דערפאַר קיין זיבן גראָשן.

און דערפאַר־אָ ענטפערט ער קיינמאָל נישט רב מענדע־לען. כאָטש רב מענדעלע האַלט אים אין איין חנפענען און ווייזט אים אָן פאַרשידענע רפואות ווי אַזוי זיך אויסצוהיילן דעם מחוש אין דער זייט.

די רפואות נעמט טאַקע רב נאָסקע צו און אַ טברא, אַז זיי מאַכן אים בעסער. אָבער ער הערט נישט אויף צו בונטע־ווען אָווסעיען, אַז ער זאָל מאַכן אַ סוף מיט דעם סוואָלאָטש און ליגנער.

און סוף־כל־סוף האָט טאַקע רב נאָסקע אויסגעפירט. רב מענדעלע פאָרט ווייטער פון דער פירמע. אָבער נישט אַלס פּענסיע־מענטש, נאָר אַלס אַזעלכער, וואָס באַקומט זיך זיין פּראָוויזיע פון יעדן באַשטעלונג.

ערשט נאָכדעם ווי רב נאָסקע האָט אויסגעפירט ס׳זייניקע האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן מיט מענדעלען. און דעם שמועס פירט ער שטענדיק אַזוי, אַז אין סוף זאָל ער צוקומען צו דער מעשה מיט די זיבן קאַסטנס סחורה...

## 36

# דער קעניג פון דער בראַנזשע

ס׳איז די אַמביציע פון הער אָווסעי צו ווערן איינער אין וואַרשע. „דער קעניג פון דער פּאַפּיר-בראַנזשע!" אַזוי זאָגט אויף זיך הער אָווסעי. און אָט אַזוי, זאָגט ער, וועלן אים אויך אין קורצן אַלע מוזן רופן. איצט ערשט, זאָגט ער, וועט די וועלט זען און באַוווּנדערן, ווער עס איז דער הער אָווסעי פּלינט.

און נישט דערציילנדיק אַפילו די שותפים זיינע גענוי וואָס ער גייט דאָ אויפטון, האָט זיך דער הער אָווסעי גענומען פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער.

דאָס צעטראָסקעטע און חרובע דאָרף און שטעטל נאָך דער מלחמה האָט זיך ערשט גענומען צוריק אויפבויען. פון אומעטום, פון די פאַרוואָרפנסטע קאַנטן איז מען געקומען נאָך סחורה. און סחורה האָט מען געדאַרפט גאָר אַ סך. מען האָט גאָרנישט געקאָנט באַוויזן אַזויפיל צוצושטעלן.

דער הער אָווסעי — ער, מיט זיין גרויסער קראָם און מיט זיין סאָלידן נאָמען אין דער סוחרישער וועלט האָט דער-פילט, אַז איצט אַקוראַט איז געקומע די צייט אַ רודער צו טון. מ׳דאַרף נאָר נישט פאַרשלאָפן און דער עיקר, וואָס ווייניקער רעדן וועגן דעם מיט די בטלנים, ס׳הייסט מיט די שותפים. און אָט איז ער זיך אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין אויס-לאַנד, אָפּגעמאַכט דאָרט מיט אַ פּאָר פאַבריקאַנטן, אַז ער, איינער וועט אָפּנעמען זייער גאַנצע אויסאַרבעטונג. און צוריק-געקומען איז ער אַ צופרידענער. אין אַ פּאָר ווערטער דערציילט די שותפים, וואָס ר׳האָט אויפגעטון און דערביי געקוקט אויף זיי ווי אויף געטרייע הינט, וועלכע מ׳לאָזט איבער אָפּהיטן דאָס פאַרמעגן און מען טרעפט אַלץ אין בעסטן אָרדענונג.

אַפילו בערל פיקטער געדענקט נישט, אַז אין קראָם און אין קאַנטאָר זאָל זיין אַזוי טומלדיק און רירעווודיק ווי היינט.

באַזונדער טאָקע אין קאַנטאָר. די טיר רוט נישט דאָרט קיין איין מינוט. פאַבריקאַנטן, סוחרים און אַגענטן, אַפילו פון אַמע־ריקע, קומען און גייען. יעדן פון זיי קומט אויס צו וואַרטן הינטער דער טיר פון הער אָווסעיס קאַבינעט ביז זיי ווערן אויפגענומען. די צייט פאַרטרייבט זיי דערווייל דער פּראָקורענט פליג. אים טוט שוין ווי דער רוקן פון בויגעניש און דרייעניש פאַר די הויכגעשטעלטע לייט.

ס'איז אים אָבער אַלץ ווערט, זיך דערמאָנענדיק אָן די גראָבע פּראָוויזיעס וואָס אים וועט צרייַנפאַלן.

און דער הער אָווסעי ווערט ביי זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ חשובער. פאַרשידענע חברות און אינסטיטוציעס שענקן אים ערן־טיטולן. און אַז דער געערער רבי איז געקומען קלויבן געלט אויף ישיבות האָט ער נישט פאַרגעסן אַרייַנצושטעלן אין צעטל פון די איינגעלאַדענע „חסידים" דעם נאָמען פון הער אָווסעי פלינט.

ביי יעדן פרישן טראַנספּאָרט סחורה, וואָס קומט אָן פון אויסלאַנד באַווייזט זיך אויך אין קראָם דער הער אָווסעי אַ קוק צו טון אויף דעם וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט.

ער איז גוט אויפגעלייגט און זייער צופרידן. און מיט די ברידער רעדט ער זיך אַדורך אויף אַ קאָמבינירטן אַלפאַבעט־לשון, כדי די „מענטשן" זאָלן נישט פאַרשטיין און נישט וויסן דעם ריוח וועלכער שאַפט דעם הער אָווסעי און זיינע שותפים אַזויפיל פרייד און הנאה.

# 37

## ס'רעדל דרייט זיך

אַלץ וואָלט געווען גוט, וואויל און פיין, זאָגט רב נאָסקע, ווען אין דעם „רעדל" זאָלן זיך אויך נישט דרייען די עטלעכע שיינע חסידישע יידן מיט די חשובע בערד. יעדן טאָג קומען זיי אין קאַנטאָר, די עטלעכע יידן מיט די פיינע שוואַרצע

קאַפּעטלעך, גימזענע שטיוועלעך און מיט אַ ריירעוודיק שטעקעלע אין האַנט. זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין צייט. אָן צערעמאָניעס גייען זיי אַריין אין קאַבינעט און דער הער אָווסעי נעמט זיי אויף פריער פאַר אַלעמען, ווייל דאָס זענען יידן פּראָצענטניקעס, וואָס באָרגן דעם הער אָווסעי אַזויפיל געלט, וויפיל נאָר ער באַדאַרף. דער פּראָקורענט פליג און אויך דער הער אָווסעי האָבן אָט די יידן אַ נאָמען געגעבן „בהמות", מחמת זיי לאָזן זיך „מעלקן" און גיבן געלט. רב נאָסקע אָבער האַלט אין איין וואָרענען, אַז אַזאַ איין „בהמה" קען מער שלעכטס טון, ווי הונדערט אמתע ביקעס מיט די גרעסטע הערנער. אָ, ער קען זיי שוין גוט אָט-אָ-די סאָרטן יידן נאָך פון רוסלאַנד. זיי גיבן טאַקע געלט, וויפיל מען דאַרף פאַר אַ גוטן פּראָצענט. קוים אָבער גיט מען זיי נישט אַוועק אַקוראַט צו דער מינוט, קענען זיי אין איין מינוט מאַכן פון אַלעמען אַ באַרג אַש.

— פּאַרפּאַלן — זאָגט רב נאָסקע בעת אַ שמועס אין אָווסעיס קאַבינעט — פּראָצענט איז דער גרעסטער גנב. דאָס וועט אונז אויפפרעסן מיט די קאַפּיטעס, פאָלג מיך. נעם זיי אָפּצאָלן און טרייב זיי אַרויס ווי די הינט.

דער הער אָווסעי אָבער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים:

— איי, נאָסקע, נאָסקע. ביסט נאָך אַלץ געוווינט צו דיינע יעקאַטערינאָסלאַווער גראָשענע געשעפטן. דערווייל גייט וואָס-אַמאָל בעסער. פּאַרפּאַלן. מיר מוזן ווערן איינע אין וואַרשע. אַזוי וויל איך. יאָ.

# 38

## דער פּאָליעסער וואַרנט

יעדעס מאָל ווען די „מענטשן" בעטן אַ הוספה מאַכט דער הער אָווסעי אַקוראַט אַזוי ווי יענער ליטוואַק צו זיינע בעלי-חובות:

— „טאָמער זאָג איך אייך, רבותי, אַז איך גיב נישט,

זאָלט איר וויסן זיין, אַז איך גיב טאַקע נישט קיין גראָשן. קוים אָבער זאָג איך, אַז איך גיב יאָ — זאָג איך".

און יעדן איינעם זאָגט ער טאַקע צו, דער הער אָווסעי. אָבער געבן, איילט ער זיך נישט. פאַר יעדן האָט ער אַן אַנדערן תּירוץ. ער וועט, זאָגט ער, נאָכזען אין די ביכער; ער וויל בכלל געוואָר ווערן אויף די נאַלעווקעס וויפל אַ שטייגער „משרתים" פאַרדינען היינט; טע־מע, פּי־פּאָ. דערווייל גייען טעג און וואָכן און די הוספה ליגט נאָך אַלץ ביים הער אָווסעי אין דער קעשענע.

און דאָס אַלץ דערפאַר ווייל ביי דער „פירמע פלינט" מאַכט יעדער אָנגעשטעלטער שבת פאַר זיך. עטלעכע „מענטשן" האָבן אַפילו אין דער קעשענע לעגיטימאַציעס פון פאַריין. מ'האַלט דאָס אָבער ווי אַן אָפּקומעניש און קיינער גייט קיינמאָל נישט אַהין. און אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אַז דער הער אָווסעי זאָל געוואָר ווערן דערפון.

— ווייל דאָס איז אַ פאַריין — זאָגט דער הער אָווסעי — פון אויסוואורפן און געמיינסטן פעבל. און אַן אָרנטלעכער אָנגעשטעלטער וועט דאָרט נישט אַריינגיין. כאָטש איך אַליין, מוזט איר וויסן, האָב צו יענער צייט געהאָלפן גרינדן דעם פאַריין. אָבער וואָס האָבן די לאָבוסעס געמאַכט פון אים? ביי אונז איז דאָס געווען אַ אָרט פון „גייסטיקן גענוס" און די היינטיטע לאָבוסעס וויסן נישט מער נאָר: „בורזשוי, גיב געלט!" אַז נישט איז שטרייקן, שטרייקן און ווידעראַמאָל שטרייקן. נו, פרעג איך אייך, האָט עס אַ טעם אַזאַ פאַריין?

דער עולם געדענקט גוט די רייד. און דעריבער סטאַרעט זיך יעדער בעסער צו געפעלן דעם באַלעבאָס. און יעדער זוכט דאָס פּאַסיקע אָרט און די פּאַסיקע מינוט ווען דער הער אָווסעי איז גוט אויפגעלייגט כדי אים צו דערמאָנען: „אַז ס'איז שווער אויסצוקומען מיט דער פּענסיע, פּאַניע פלינט". „אַ ווייב מיט צוויי קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין". „סטייעט קוים אויף עסן, און וווּ איז אַ שוך, אָנטועכץ?" „אַ קראַנקע מאַמע און

שוועסטער, וואָס פאַרדינען גאָרנישט, פּאַניע פּלינט. איר האָט שוין מיר עטלעכע מאָל צוגעזאָגט".

דער הער אָוואָסעי הערט רויִק אויס די אַלע טענות און בקשות און פּטרט יעדן איינעם אָפּ מיט דעם זעלביקן:

— נו גוט, גוט. גייט. מ'עט שוין זען צו טון. איך בין דאָך נישט איינער. כ'מוז זיך דאָך מיישב זיין מיט מיינע שותפים. איבעריקנס האָב איך איצט נישט קיין צייט. אַפילו איין רגע נישט.

און באַלד דערנאָך רופט ער אַריין צו זיך דעם פּראָקוּ-רענט פּליג און פרעגט אים מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע:

— אַ, פּאַניע פּליג, וואָס זאָגט איר צו דער „חברה"? זיי ווילן געלט. „פּאָדווישקעס".

פּליג, שטענדיק ביי דער אַרבעט אַ גוט אויפגעלייגטער, גיט ווי זיין טבע איז, אַ רייב אַ האַנט אין אַ האַנט:

— איר קענט דאָך די מעשה מיט יענעם באַלעבאָס. דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין דערציילט: „מ'עט זען", „מאָרגן", „נאָך אין אַ פּאָר טעג". הא, פּאַניע פּלינט? כע! כע!

— דערווייל שלעפּ איך זיי שוין אַ פּאָר וואָכן. אָבער ווי מיינט איר, ס'איז נישט עפּעס אַמאָל ביי זיי אַן אָפּגערעדטע זאַך? אַ יד-אַחת?

— דערפאַר דאַרפט איר נישט מורא האָבן, פּאַניע פּלינט. איר האָט גלאַט מזל צו „משרתים".

— ווי? איר האָט אַ „שמעק" געטון די זאַך?

— פאַרלאָזט אייך. פונדעסטוועגן, מיין איך, דאַרפט איר עטלעכע פון זיי דערלייגן עפּעס. פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

— כ'האָב טאַקע אויך אַזוי געקלערט צו טון. אָבער וואָס אַרט מיך, אַז נאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום?

— וועגן דעם איז דאָך אָפּגערעדט. ווי-דען?

דערווייל וויל איינער ביים אַנדערן געוואָר ווערן מיט וואָס דער הער אָוואָסעי האָט אים אָפּגעפּטרט און וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט. נישט קענענדיק וועגן דעם אַלעמען רעדן אין געשעפט, שמועסט מען זיך אָפּ צו טרעפן נאָך דער אַרבעט אויף

דער גאַז. מ׳שטייט אין איין פּחד נישט צו טרעפן אַקוראַט עמעצן פון די באַלעבאַטים אָדער עמעצן פון יענע „מענטשן״, וואָס וועלן באַלד אַלץ איבערדערציילן דעם הער אָווסעי.

הערשל בעט זיך נאָר איין זאַך: מיט אים, הערשלען, וויל דער הער אָווסעי גאָרנישט רעדן. וויל ער, הערשל, אַז מ׳זאָל אים אויך אין זין האָבן.

און בערל פּיקטער האָט אַ בקשה:

— איך בין אים מוחל — זאָגט ער — הוספות. זאָל ער מיר בעסער געבן יעדע וואָך וואָס מיר קומט. אַז ס׳איז דאָך שוין סכנות זאָג איך אייך. און אים אַרט עס נישט.

— און ער (אָווסעי) האַלט אין איין נאַרן און אָפּשלעפּן און דאָס שמאַלץ רינט אים איבער דער באָרד.

ראַטאָמער זאָגט, אַז אַלע זאָלן אַריינגיין צום אים אויף אַמאָל און איינער זאָל רעדן פאַר אַלע.

שליוויק האַלט אָבער, אַז פריער זאָל מען צו אים שיקן אַ בריוו און אַלע זאָלן זיך אונטערשרייבן.

די קאַסירשע וועלכע שטייט די גאַנצע צייט ווי אויף שפּילקעס מחמת זי איילט זיך צו אַ שניידערין, האַלט נישט פון דיביידע עצות. זי זאָגט, אַז דעם הער אָווסעי דאַרף מען קענען און צו אים דאַרף מען גיין נאָר מיט גוטן. זי האָט, זאָגט זי, צום הער אָווסעי, דעם פולסטן צוטרוי. ער איז, זאָגט זי, אַ „פאַן״ און ערן־מאַן. און האָט ער איר צוגעזאָגט צו געבן אַ הוספה גלויבט זי אים. און זי וועט נישט גיין נאָכאַמאָל און זי וועט נישט שרייבן קיין בריוו.

— אָבער איך הייב אייך נישט אָן צו פאַרשטיין — מישט זיך אַריין דער פּאָליעסער מיט דער שיינער נאָז — מיר האָבן אונזערן אַ פאַריין צי נישט? טאָ פאַרוואָס נישט אַריינגיין אין פאַריין און איבערגעבן דעם גאַנצן ענין?

— איר קענט נאָכנישט דעם הער אָווסעי. איר זענט נאָך דאָ אַ גרינער.

— איך האָב שוין געזען גרעסערע קנאַקערס, ווו דער פאַריין האָט אויסגעפּירט.

— אָבער נישט דאָ.
— פאַרוואָס?
— ער האָט דאָ צופיל אייגענע. און נעמט אַפילו רב בערלען. אַזאַ ייד ווילט איר זאָל שטרייקן?
— ער וועט מוזן!
— שאַ־שאַ. קריגט אייך נישט — זאָגט בערל און פאַכעט צעשראָקן מיט ביידע הענט.

שליווניק האָט זיך אינסטינקטיוו א טאַפּ געטון ביים טייסטער מיט געלט און ביטולדיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט:
— אָט, אומזיסטע רייד. פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

די קאַסירשע האָט זיך גיך אָפגעזעגנט און אַוועק.
און דער פּאָליעסער האָט געוואָרנט:
— געדענקט, אַזוי ווי איר בעט זיך אויס, אַזוי וועט איר שלאָפן.

# 39

## „הוספות"

— פון מענדעוועשקעס, האַ, פּאַניע פליג, קאָן מען זיך אָפּטשעפּען? — האָט אַנומלטן דער הער אָווסעי געפרעגט דעם פּראָקורענט בעת ער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אויף מיטאָג — פאַרפאַלן. אַז ס'בייסט מוז מען קראַצן. איך וואָלט זיי אַפילו דערלייגט קרענק. איך זע נישט אָבער קיין אַנדערע „מענטשן" און אַרבעט איז פאַראַן איבערן קאָפּ.

און צו די „מענטשן" האָט דער הער אָווסעי געזאָגט, וועלנדיק זיי אונטערטרייבן ביי דער אַרבעט.
— כ'האָב שוין געהייסן פליגן אייך אויסצאָלן אַ גרעסערע פּענסיע.

נייגעריק און אומגעדולדיק האָט דער עולם געוואַרט ביז דאָנערשטיק ביינאַכט. ענדלעך איז געקומען די שעה. דער פּראָ־

קורענט האָט אַרייַנגעקוקט אין אַ „ליסטע" און אויסגעצאָלט די „געהעכערטע" פענסיעס. די, וועלכע האָבן ערשט געאַרבעט אַזאַ און אַזאַ צייַט האָט דער הער אָווסעי גאָרנישט דערלייגט. און די וועלכע האָבן יאָ באַקומען אַ „שטופּ אין די ציין אַריין" האָבן עטלעכע מאָל איבערגעציילט דעם געהאַלט מייַנענדיק, אַז ס'איז אַ טעות. ווייַל געגעבן האָט דאָך דער הער אָווסעי, און געגעבן אַזויפיל וויפל ער האָט געוואָלט.

שליוווניק האָט צוגעלייגט דאָס געלט צו דער קופּע און אַ צופרידענער געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט!

ראַטאָמער האָט אַ ברום-געטון מיט אַ זויערלעכער מינע:

— אַקוראַט אויף אַ צוקער-שטריקל.

און די קאַסירשע האָט לייטזעליק געשמייכלט און ווידער-אַמאָל אַ הנאה געהאַט וואָס דער הער אָווסעי האָט זי נישט אַנטוישט.

הערשל האָט געוואוּיגן אין איין האַנט די דערלייגטע עטלעכע גילדן, געקלערט וועגן דעם קינד וואָס איז אים דאָ נישט לאַנג געבוירן געוואָרן און זיך געזשבעט וואָס צו טון: צי נעמען אָדער צוריקוואַרפן. ווייַל אַלצאיינס בלייַבט ער דער זעלבער קבצן.

— נוּ וואָס שטייסטו, אידיאָט! — האָט דער פּראָקורענט פליג צוּ אים אַ געשריי געטון — דיר געפעלט אויך נישט די פּאָדווישקע? האָסט ביי ניקאָלאַיען בעסער געהאַט?

— אַז איך קען פּאָרט נישט אויסקומען — האָט הערשל צעטומלט געוואָנדזשעט אונטער דער נאָז.

— ס'געפעלט דיר נישט? טאָ גיי „קעביני מאַטערי"! ווער הייסט דיך אַרבעטן?

— פּאַניע פליג. נאָר בייזערט אייך נישט — האָט הערשל געהאַלטן אין איין שטאַמלען. געקאָכט פון צאָרן און געוואָלט אים עפּעס אַרייַנזאָגן, כלומרשט אין גוטן — גלויבט מיר מ'קאָן גאָרנישט וויסן. איר קאָנט אַמאָל פון דאַנען פריער אַוועקגיין, ווי איך.

— נו פּאַשאָל וואָן! — האָט הער פּליג אַ ריטשע געטון, גענומען זידלען דאָס פּעבל און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן פון הערשלס חוצפּה.

הערשלען האָט באַגאָסן אַ היץ.

— אָבער שרייען דאַרפט איר נישט. נישט איר זענט דער באַלעבאָס און נישט איר צאָלט אייערס.

דאָ האָט זיך שוין דער פּראָקורענט אויפגעשטעלט אַ רויט-אָנגעגאָסענער, געוויזן מיט אַ האַנט צו דער טיר און ווידער אַ ריטשע געטון:

— פּאַשאָל!

— נו וואַרפט מיך אַרויס! — און הערשל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער פּראָקורענט האָט אַ שפּיי געטון אין הערשלס זייט און אַ צעזאָטענער זיך צוריקגעזעצט.

הערשל האָט געקאָכט פון כּעס און צאָרן, אַ ווײַלע געקוקט אויף די אַרומיקע בוכאַלטאַרישע פּנימער, וועלכע ער טראָגט-צו יעדן טאָג טיי און וועלכע זענען איצט געווען איינגעגראָבן אין די ביכער גלייך זיי וואָלטן גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון, הערשל, און כּסדר געטראַכט: אַוועקגיין, אָדער דערלאַנגען דעם פּראָקורענט מיט אַ טינטער אין קאָפּ אַריין?

# 40

## די בייזע „מגפה"

גאָר פּלוצלונג האָט זיך עס אָנגעהויבן ווי בעת אַ מגפה. נישטאָ דער טאָג, אַז אַ סוחר פון דער בראַנזשע זאָל נישט באַנקראָטירן. רב נאָסקע זוכט פּאַר זיי אויס כּלערליי צרות און ווינטשט זיי אויסצוקרענקען זיין פּראַצע וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט.

רב מנשהקע, וועלכער האָט שוין פּאַר דער צייט אויס-

געהאָדעוועט אַן אייגענעם אַדוואָקאַטל און מיטאַמאָל אַליין גע־וואָרן אַ בקאי אין אַלע „פּראָוועס", טוט יעדעס מאָל אַ פאַר־וואָרף די הענט ווי ער וואָלט עמעצן דראָען:

— פאַר אַזאַ סוואָלאָטש איז נאָר צו שיקן אַ בריוו פון אַן אַדוואָקאַט (פאַרשטייט זיך, פון זיין זון) און קאָנטשענאָ!

הערמאַן גייט גאָר אַרום אַ צעטומלטער. ער מיט זיינע סך-הכל עטלעכע פּראָצענט. און אַז די באַנקראָטניקעס וועלן נעמען רייסן שטיקער פון אַלע זייטן. שיין וועט ער אויסזען.

כמעט ווי גאָרנישט אַרט עס נאָר אים אַליין, דעם הער אָווסעי. יעדן טאָג זאָגט ער אָן זיינע ברידער:

— נאָסקע, מנשהקע. געהערט? אַ פרישע פּליטה!

און הגם עס קאָסט אים געגוג געלט, אָט די אַלע פּליטות, איז ער אָבער צופרידן, דער הער אָווסעי.

— האָב זיי אַ שוואַרץ יאָר — זאָגט ער — פטור געוואָרן פון נאָך אַ וואַנץ. האַ, פּאַניע פּליג?

— ווידען — באַשטעטיקט כיטרע דער פּראָקורענט — מ'זעט, אַז אַלץ וואָס איר זאָגט ווערט מקוים.

— אָבער איך האָב געזאָגט, האַ? — טוט עס אַ הנאה דעם הער אָווסעי.

זינט אָבער מ'האָט אָנגעהויבן רעדן אין גאַס, אַז ביי מי־לערן „הויבט שוין אָן שפּילן אַ ראָלע אַ טשוואָק", און אַז אין דער עלטסטער און רייכסטער פּאַפּיר-קראָם אין פּוילן איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, ערשט דעמאָלט האָט דער הער אָווסעי ס'ערשטע מאָל אַ קנייטש געטון דעם שטערן און באַוויזן אַן אומהיימלעך פּנים.

אייגנטלעך האָט דער הער אָווסעי אַליין געברענגט די נייעס. אַלס דעם קעניג פון דער בראַנזשע האָבן די מילערס שוין ביים סאַמע פּאַלן אויך פאַרבעטן צו זיך דעם הער אָווסעי, אפשר האָט ער עפּעס פאַר זיי אַן עצה. נאָר צוריקגעקומען פון דאָרט איז דער הער אָווסעי מיט אַ ביסל אָן אַ זייט פאַרוקטן קאַפּעלוש און מיט אַ געקנייטשטן שטערן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ס'איז דאָרט אַזוי מסוכנדיק, אַז קיין שום דאָקטאָר אין דער

וועלט קאָן נישט העלפן. און ס׳איז נאָר אַ גליק, זאָגט דער הער אָוועסי, וואָס רב ישעיה מילער האָט דאָס נישט דערלעבט, אַז נישט וואָלט ער זיך אַוודאַי אַ מעשה אָנגעטון. חדשימווייז האָט מען שוין דאָרטן די „מענטשן" פּענסיע נישט געצאָלט. מ׳האָט זיי פּשוט אויסגעהונגערט און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן.

— און וואָס זאָגסטו צו דער מעשה, האַ נאָסקע? — פרעגט דער הער אָוועסי — געגאַנגען אַזאַ גאָלדענער געשעפט אין דער ערד אַריין.

דאָסמאָל ענטפערט נישט רב נאָסקע אויפן קול. ער גייט אַפּער פון אונטערן טיש, גיט זיך אַ שאַר צו צו אָוועסיען און רוימט אים איין אויפן אויער:

— דאָס אַלץ זאָלסטו וויסן איז געקומען פון צאָלן פּראָ־צענט. פאָלג מיך. טרייב אַרויס אַלע „בהמות" ווי די כלבים, אַז נישט קאָן דאָ חס־וחלילה אויך ווערן אַזאַ מעשה. וואָס אַרט דיך. איך קוק אין די ביכער און זע וואָס ס׳טוט זיך. קוק דאָ אויך אַריין. ס׳קאָן אַזוי נישט אויסהאַלטן. פאָלג מיך.

— איי לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיינע באָבע־מעשיות! — טוט זיך דער הער אָוועסי אַ ריס פון אים — דו אַלץ מיט דיינע סודות. און אַז מ׳צאָלט פּראָצענט איז וואָס? שערעשעווסקי צאָלט אויך פּראָצענט און ראָטשילד צאָלט אויך פּראָצענט, נו באַנקראָטירן זיי? קוק בעסער ווייניקער אַריין אין די ביכער, נאָסקע!

פון דעם ענטפער האָט רב נאָסקען אַזש אָנגעכאַפּט דעם מיחוש אין דער זייט. ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל האָט ער גיך אַ צעקנעפּל געטון דעם פאַלטן און אומאויפהער געבלאָזן פון זיך ווי ער וואָלט אַריינגעכאַפּט אין מויל עפּעס הייסעס און מיט אַ האַנט כסדר פעסט צוגעדריקט דאָס ווייטיקלעכע אָרט.

# 41

## מישאַגעוועס בערלען

געדאַכט האָט זיך איינמאָל, אַז רב נאָסקע האָט געמוזט האָבן עפּעס גאָר בייזע, שווערע חלומות; און אַז אָט־אָ־די וואָס האָבן אים געמאַטערט אין שלאָף האָבן אים אוודאי געמוזט גוט אָריינ־צימבלען און אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן אים אַהינעמען אויף יענער וועלט אויב ער וועט נישט אויפהערן אַזוי צו מאַטערן בערלען פּיקטער.

אָט אַזוי האָט זיך געדאַכט, זעענדיק ווי זינט עטלעכע טעג האָט רב נאָסקע עפּעס צופּיל גענומען שאַנעווען בערלען און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— רב בערל, פאָלגט מיך, אָט די אַרבעט לאָזט איבער פאַרן סאָכאַטשעווער.

— טשעפּעט נישט דאָס, רב בערל. איז דאָס דען פאַר אייערע כּוחות?

בערל אַליין האָט אָבער די אַלע ווערטער פאַרנומען מיט גרויס פאַרדאַכט. ער אַליין, דערזעלביקער רב נאָסקע וואָס פלעגט אין דער שטיל שטענדיק אַ הנאה האָבן ווי בערל מאַ־טערט זיך און פלעגט אים אָנוואַרפן איבעריקע שווערע אַרבעט ביי וועלכע ער האָט זיך אָפּגעריסן דאָס לייב און לעבן. ער? דער־אָ רב נאָסקע? עפּעס האָט זיך בערלען נישט געגלויבט אין זיין פּלוצלונגער גוטסקייט. און אפשר? — האָט בערל מינוטנווייז געטראַכט — אפשר? פאָרט אַ יידישער מענטש רב נאָסקע, אַ עלטערער ייד. אפשר האָט אים דאָס יידישע האַרץ אַ ריר גע־טון, זעענדיק ווי דער לעצטער שווערער ווינטער האָט בערלען איינגאַנצן צענומען, אים געמאַכט ציטערן יעדעס אבר און אי־בערגעלאָזט באָמבלען אין זיין צרהוואַטן קערפּער. אַ שטיקנדיקן הוסט. אפשר.

גאָר גיך אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רב נאָסקע האָט קיין שום בייזע חלומות נישט געהאַט און אַז בערלען האָט זיין

פאַרדאַכט נישט געגאַרט. זעענדיק, אַז בערל פאָלגט נישט און קלאַמערט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות צו דער אַרבעט און לאָזט זיך מיט גוטן נישט פאַרבייטן מיט דעם יונגן סאָכאַטשעווער, האָט רב נאָסקע איינמאָל אַ זאָג געטון צו אים, אָבער שוין אַ סך שטרענגער ווי פריער:

— מיט געוואַלט גייט איר, רב בערל! אַז מ׳זאָגט אייך נישט טון, פאָלגט מען!

— פאַרוואָס נישט טון? — האָט בערל איינגעאַנצן אַ זיך טרייסלענדיקער געפרעגט שוואַך — ביז איצט האָב איך גוט געטון און היינט טו איך שלעכט? איך וועל דאָך נישט נעמען זשאַלעוואַניע פאַר נישט טון.

— אַז מ׳הייסט אייך דאַרפט איר פאָלגן.

— אָבער איך וויל וויסן פאַרוואָס?

— זענט איר שוין אַ חוצפּהניק אויך? — איז שוין רב נאָסקע אַריין אין כּעס.

— מילא. חוצפּה ווייסט שוין די וועלט ווער עס האָט — און בערל האָט זיך אָנגעבויגן כּדי זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט.

דאָ איז שוין רב נאָסקע אַפּער פון אונטערן טיש אַ צע־רייצטער, בלייך פון כּעס און מיט אַן אויסגעשפּיצטער נאָז:

— מ׳זאָגט אייך איר זאָלט נישט טון, איר הערט! אַזאַ אַלטער פערד!

אין קאַנטאָר האָט מען שוין געוווּסט, אַז בערל מיט רב נאָסקען קריגן זיך. און נאָך איידער בערל האָט באַוויזן צו ענטפערן איז אַריינגעלאָפן אין קראָם דאָס שיק־יינגל מיט אַ באַפעל:

— רב בערל! גיכער! גיכער! דער הער אָווסעי רופט אייך!

תּחילת איז בערל געוואָרן נאָכמער דערשראָקן און צע־טומלט. עפּעס האָט ער שוין פאַרגעפּילט. ער האָט אָבער אָנגע־שטרענגט אַלע כּוחות כּדי זיך צו באַרויִקן. און אָפּשטויבנדיק דאָס היטל און אויבער־בגד איז ער אַריין צום הער אָווסעי:

— די מעשה, רב בערל, איז אַזוי — האָט אים דער הער אָוועסי ס'ערשטע מאָל אַליין אַריינגעפירט אין זיין קאַבי־נעט און גערעדט מיט אים אויג אויף אויג — אייך דאַרף נישט אַרן, וואָס נאָסקע רעדט. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ גאָר־נישט, אַ בהמה. אָבער איר פאַרשטייט, רב בערל, פאַר אייער געזונטסוועגן. איר זענט דאָך שוין נישט קיין יינגעלע. איר זעט דאָך אַלע „מענטשן" פאָרן זיך אויף „אורלויב". איר זענט קיינ־מאָל נישט געפאָרן. קומט אייך טאַקע. איר פאַרשטייט? אַ פורל האָלץ האָט איר מסתמא אין שטוב, אַ קאָזע, דאַכט זיך, האָט איר אויך. זאָלט איר טאַקע זען צו טרינקען אַ סך קאָזע־מילך, איר הערט? ס'וועט אייך קרעפטיקן. טאָ פאָרט־זשע טאַקע נאָך היינט אַהיים, צום ווייב און קינדער און רוט זיך אויס און ווערט געזונט. אָט נאָט אייך געלט און פאָרט געזונט. דער עיקר — קאָזע־מילך.

און נישט לאָזנדיק בערלען צומאָל ענטפערן אַ וואָרט האָט ער אים אַרויסגעפירט פון קאַבינעט און פאַרמאַכט די טיר.

## 42

## אַ „בריוועלע"

און ווי נאָר בערל פיקטער האָט מיט אַ געפּאַלן געמיט זיך פרום געזעגנט און אַוועקגעפאָרן אַהיים, האָט זיך רב נאָסקע אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און געדיקטעוועט אַ בריוול צו בערלען. אין דעם בריוול טוט מען בערלען צו וויסן, אַז ער מעג שוין טאַקע איינגאַנצן זיצן אינדערהיים. און כאָטש ער וועט שוין לחלוטין נישט אַרבעטן, וועט ער פונדעסטוועגן פענסיע ווייטער באַקומען".

קיין שום עוולה אין לעבן האָט בערלען נישט אַריינגע־בראַכט אין אַזאַ צאָרן, ווי אָט־אָ־דאָס בריוועלע, אין וועלכן די פירמע ווינטשט אים נאָך צום סוף, אַז „ער זאָל נאָך האָבן לאַנגע, גוטע און געזונטע יאָרן". פאַר בערלס אויגן האָט זיך

אַ שטעל געטון זיינע קאַרגע דרייסיק יאָר אַרבעט פאַר דער פירמע, וועלכע גיט אים איצט אַזאַ „באַלוינונג". ערשט איצט האָט בערל מיטאַמאָל דערזען, אַז אויף שלעכטס-טון אַן אַרבעטס-מענטש זענען אַלע באַלעבאַטים גלייך. רב נאָסקעס פרומקייט, אָוועסיס גוטסקייט, מנשהקעס צוגעלאָזנקייט און אַפילו הערמאַנס דרך-ארצדיקע באַציִונג צו אים — דאָס אַלץ האָט געגילט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער, בערל, האָט געקאָנט האָרעווען ווי אַ גוט פערדל און טון פאַר דריי. היינט אָבער ווען אין בערלס קערפּער האָט גענומען אַרומלויפן אַ ווייטיקלעך ציטערניש, ווען די כוחות האָבן אים אויפגעהערט צו דינען און ער וואָלט באַדאַרפט אַ ביסל קומען צו זיך, באַגלייט אים אָט אַזאַ מין ברייוועלע „אַז ער מעג שוין אינגאַנצן זיצן אין דער היים". און מיט דער פענסיע וואָס מ'וועט אים שיקן, ווייס בערל שוין לכתחילה ווי עס זעט אויס ווען באַלעבאַטים גיבן געלט פאַר גאָרנישט טון. אָכיבע באַצייטנס זיך אָפּגעוויינען פון עסן.

נאָך נישט האָבנדיק זיך רעכט אינדערהיים איבערגעשלאָפן, צעזאָטן פון כעס, האָט בערל אַ נעם געטון די נאָך נישט אויפגעפּאַקטע וואַליזקע און געפאָרן צוריק.

אויפגערעגטער כוח האָט געהעצט בערלס אַלע אברים. ווי געבערענגט פון ווינט איז ער אַריין אין קראָם און נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „גוטמאָרגן" אַ היציקן קוק געטון אויף רב נאָסקען. די וואַליזקע האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט ווי ער וואָלט דערמיט וועלן זאָגן, אַז פונדאַנען לאָזט ער זיך נישט רירן.

רב נאָסקע האָט זיך תחילת דערשראָקן פאַר אים, באַלד אָבער האָט ער גענומען שמייכלען אין באָרד אַריין און כסדר געחוזקט:

— אָט אַן אַלטער פערד! פרוווט זיך מאַכן משוגע... — טייל אָנגעשטעלטע אַפילו האָבן געקוקט אויף בערלען מיט פאַרדאַכט. דערוויסנדיק זיך אָבער וועגן דער מעשה מיטן „ברייוול" האָבן זיי זיך אין דער שטיל פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס איז זייער אייגענע שולד פאַר נישט האַלטן זיך צוזאַמען, פאַר קוקן נאָר

פאַר זיך און פאַר חנפענען די באַלעבאַטים. וואָרן סוף-כּל-סוף וואָרט דאָך אַזאַ מין מעשה אויך אויף זיי.

בערל האָט שוין דערווייל געהאַט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם אויבער-מאַנטל און מיט אויסערגעוויינלעכן קוראַזש זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט איבעראַנייס אויסגעקערט, דאָ עפּעס גלייך געמאַכט, דאָרט עפּעס גלייכגעשטעלט און דער-נאָך גענומען פּאַקן אין קאַסטנס די הויפנס סחורה וואָס זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע.

מ׳האָט אָבער געזען, אַז די אָנשטרענגונג איז צו-געוואַל-דיק, אַז בערל זאָל קענען איבער איר לאַנג געוועלטיקן. זאָגן איצט בערלען, אַז ער זאָל אָפּלאָזן און זיך נישט מאַטערן — וואָלט ער זיך אָדער יענעם אָנגעטון אַ מעשה. האָט ער אַזוי לאַנג געאַרבעט ביז ער האָט זיך פּלוצלונג אַ וואַקל געטון; אַ וואַקל געטון אַזוי, אַז די פיס האָבן זיך אים איינגעבראָכן און דער איבעריקער קערפּער האָט זיך אַ ווײַלע געהוידעט ווי אײַנ-דערלופטן. אויף אַזעלכע מעשיות קוקן האָט רב נאָסקע אַ צו-שוואַך האַרץ. האָט ער זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט און אַ גע-שריי געטון:

— עולם, האַלט אים! ער פאַלט דאָך!

דער עולם האָט בערלען אַ כאַפּ-געטון אויף די הענט און אַרויסגעטראָגן אין זיין „סטאַנציע״. און אַז בערל איז געקומען צו זיך, האָט ער שוין אַליין געבעטן, אַז ער וויל אַהיימפאָרן. ווייל סיי-ווי פילט ער, אַז לאַנג וועט ער שוין נישט אָנטרייבן און וויל כאָטש שטאַרבן אויף זיין אייגן בעט.

# 43

## רב נאָסקע האָט געוווּסט

דער הער אָווסעי האַלט זיך טאַקע פאַר איין חכם אין דער וועלט. גערעכט אָבער איז פאָרט געווען רב נאָסקע. די געפאַר, פאַר וועלכער ער האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען האָט

פלוצלונג אַ זעץ געטון אין דער גרויסער קראָם. מיטאַמאָל האָט די „גאַס“, וועלכע דערשמעקט אַלץ פאָרויס געגומען רעדן, אַז אין דער „פירמע פלינט“ האָט זיך עפּעס פּאַרהאַטשעט און איז קאַליע געוואָרן. אין דער גאַנצער בראַנזשע האָט געגומען אַרומלויפן דאָס וואָרט „באַנקראָט“. די שוואַרצע זיידענע יידן, די „בהמות“, וועלכע פלעגן יעדן טאָג זיך לאָזן מעלקן מיט געלט זענען ראַפּטום אויסגערונען געוואָרן. פון אַלע זייטן האָט זיך גענומען שיטן פּראָטעסטירטע וועקסלען. און יעדער פּראָטעס-טירטער וועקסל ביי אַ בעל-חוב אין האַנט איז אַקוראַט, ווי אַן אָנגעלאָדענער רעוואָלווער, גרייט צום שיסן. דער הער אָווסעי איז גאַנצע טעג געשטאַנען ביי דער טיר פון קאַנטאָר, די האַנט אַריינגעשטעקט אין דער קעשענע מיט געלט און פאַר יעדן וועקסל געצאָלט. געצאָלט און כלומרשט געשמייכלט און זיך אַליין געטרייסט, אַז ער האָט שוין איבערגעלעבט ערגערע צייטן. צוזאַמען מיטן פּראָקורענט פליג און מיט די בוכאַלטאָרן האָט ער געזוכט און גענישטערט אין די ביכער, געיאָגט די וואָיאַ-זשאָרן, זיי זאָלן פאָרן און איינקאַסירן די חובות און ברענגען געלט. וואָס מער געלט. די פּראָטעסטירטע וועקסלען האָבן זיך אָבער מיט יעדן טאָג געמערט. כדי זיי אויסצוקויפן האָט דער הער אָווסעי געבאָרגט פרישע געלטער, פאַרזעצט צירונג, געלייזט אין קרן. אַבי געלט, וואָס מער געלט. באַצאָלן, באַצאָלן, און בלייבן שטיין אויף די פיס.

אין דעם גרויסן געשעפט האָט מיטאַמאָל געגומען אַרומ-גיין אַ בייזע צערייצטקייט. איינער אויפן אַנדערן איז געוואָרן אין כעס. עפּעס האָט איינער אין אַנדערן פלוצלונג דערזען אַ שטערונג פאַר זיך. רב נאָסקע האָט זיך כלומרשט געפּאַטשט אין בויך און ביי יעדער געלעגנהייט אַ שטאָך געטון אָווסעיען: „אַ, אָבער איך האָב געזאָגט. איך האָב געוואָרנט“. רב מנשהקע איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ, זיך דערמאָנענדיק, אַז ער האָט נאָך חתונה צו מאַכן עטלעכע טעכטער און אַז אַחוץ וואָס ער האָט אין געשעפט, פאַרמאָגט ער נישט קיין איין גראָשן. הערמאַן איז אויך אַרומגעלאָפן שאַפן געלט, געזוכט עצות, בעת-

מעשה געדלאָבעט די נאָז און באַדויערט, וואָס די „מעשה" איז נישט געשען אַ סך פריער, דאָס הייסט נאָך איידער ער האָט גענומען און זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט אַ ווייב, טאַקע אַ וואַזשנע יחסנטע, אָבער אָן איין גראָשן נדן.

## 44

## מיוזוכם עצות

— האַ, פאַניע פּליג? וואָס זאָגט איר צו דער מגפה? ווי לאַנג איז דער שיער צו שטיין אַזוי מיט דער האַנט אין דער תחת-קעשענע און געבן געלט פאַר די פּראָווינצער חזרים און סוואָלאָטשעס. האַ? איר האָט עפּעס אַן עצה צו דעם?

— ס'איז דאָ אַן עצה — האָט זיך פּליג אַ הויב געטון פון שרייב-טיש און ווי זיין טבע, גענומען רייבן אַ האַנט אין אַ האַנט.

— לאָמיר הערן — האָט זיך דער הער אָווסעי אומגעדול-דיק געריוולט פון אומגעהאַוועטן כעס.

— אַ גראָבן פינגער האָט איר דאָך.

— נו?

— טאָ ווייזט זיי אַ פייג אַלע סוואָלאָטשעס.

— וואָ-אָ-ס? — האָט זיך דער הער אָווסעי כלומרשט געוווּנדערט און אין דער זעלבער צייט געווען איבעראַשט וואָס פּליג האָט געטראָפן זיינע געדאַנקען — האַ פאַניע פּליג! איר מיינט עס מיט אַן אמת? אָט אַזוי פשוט נעמען און נישט צאָלן, ס'הייסט אַ באַנקראָטשיק מיט אַלעמען גלייך?

— נו, דאָס ווענדט זיך שוין ווי אַזוי מ'מאַכט דאָס — האָט פּליג אַ צופרידענער ווייטער געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט— איר ווייסט דאָך די מעשה מיט מיין פעטער, וועלכער פּלעגט אָנזעצן כדי צו ווייזן, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. אייגנטלעך, פּלעגט ער טענהן, דאַרף ער דאָך נישט געבן קיין

איין קאָפּיקע. נישט מער, אַזוי ווי ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש גיט ער ; עפּעס.

— איי, לאָזט מיך איצט אָפּ מיט אייערע מעשיות — איז דער הער אָווסעי געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק — דער שפּיץ איז, אַז מ׳דאַרף זיך מישב־זיין און מ׳דאַרף גוט אַריינקוקן אין די ביכער. ס׳איז נישט קיין געלעכטער, פּאַניע פּליג. איך וויל, אַז איר זאָלט אויך זיין היינט אויף דער באַראַטונג.

# 45

## ס׳ערשטע כפּרה־הינדל

ס׳ערשטע כפּרה־הינדל זענען די „מענטשן״. פּענסיע האָט מען שוין היינטיקע וואָך נישט געגעבן. דער תּירוץ איז געווען, אַז די אַנדערע וואָך וועט מען שוין אויסצאָלן אַלץ.

די אַנדערע וואָך אָבער האָט דער הער אָווסעי געזאָגט, אַז ערשט איצט האָט ער דערזען וואָסערע גראָבע באַשעפעניש̄ן און מערזאַוועס זיינע „מענטשן״ זענען. זיי זעען, זאָגט ער, ווי דאָס געשעפט ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות כּדי צו בלייבן שטיין אויף די פיס און זיי ליגט אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן ווי פּענסיע. זיי וועלן שוין, זאָגט ער, זיין גליקלעך, אַז זיי וועלן פון אים אַרויסרייסן נאָך געלט.

אויך רב נאָסקע איז אין כּעס אויף דער סומאַטאָכע מיט דער פּענסיע. וואָס׳, זאָגט ער, ער נעמט אויך נישט קיין פּענסיע און קומט פונדעסטוועגן גאָט צו דאַנקען אַדורך. און אַז מען נעמט דערוויילע, מאַכט ער, צו ביסלעך, קאָנטעס, איז שלעכט? אַבי דערווייל אַדורכשטופּן די שלעכטע צייט.

רב מנשהקע, וועלכער וויל שטענדיק און אומעטום גילטן פאַר דעם גוטן, זאָגט, אַז מ׳האַלט „מענטשן״ מוז מען זיי צאָלן. נישט מער, ער אַליין מישט זיך נישט אין דעם און קאָנטשענאָ!

די „מענטשן״ אָבער נעמען זיך קנאַפּ איבער מיט הער אָווסעיס בייזע מינעס, מיט רב נאָסקעס מוסר און זיי מאָנען

בסדר פענסיע. אָן אויסנאַם נאָר איז דער פּראָקורענט פּליג, וועלכער מאָנט נישט, ווייל ער האָט שוין געגומען פאַר אַ חודש פּאָרויס. און כדי עס זאָל דעם באַלעבאָס גוט אַריין אין אויער נעמט ער נאָך יעדעס מאָל רעדן אויפן קול:

— וואָס טויג מיר, פּאַנאָוויע די טענות. איך אַליין נעם שוין אויך אַ פּאָר וואָכן נישט קיין געלט. ס'האָט זיך געמאַכט שלעכט דאַרף מען צוהעלפן דעם געשעפט. צווייטנס, ווען ס'געפעלט נישט, דער קען זיך גיין געזונטערהייט. מיר געפעלט — אַרבעט איך!

— איר פאַרדינט פינף מאָל אַזויפיל ווי איך קאָנט איר שפּאָרן — רופט זיך אָן דער עלטערער פּאַקער — און ביי די גליקן אַפילו פעלט מיר אויך צו אַ טאָג צו דער וואָך.

— וואָס טויגן די אַלע מעשיות? — ווענדט שוין איצט דער הער פּליג זיין קרעפטיקע שטים מער צו הער אָווסעיס קאַבינעט ווי צו די „מענטשן" — קיין געלט פּאַנאָוויע איז היינט נישטאָ!

ביי יעדן טוט עפּעס אינעווייניק אַ ציטער. אַלע קוקן זיך אָן מיט צעמישטע בליקן. אָפּגעאַרבעט אַ וואָך ווי די אייזלען און קיין גראָשן געלט באַקומען, ווי אַזוי קומט מען גאָר אַהיים אין שטוב? אינסטינקטיוו רוקן זיך אַלע געדיכט צונויף און שושקען זיך, אַז קיינער גייט נישט אַוועק, אַלע וואַרטן ביז דער הער אָווסעי וועט אַרויס פון קאַבינעט. און זאָל מען הערן וואָס ער אַליין זאָגט. אויך די בוכהאַלטאָרן און די קאַסירשע אַפילו בלייבן וואַרטן, כדי צו זען ווי אַזוי די „סצענע" וועט זיך ענדיקן. זיי פאַלט גאָרנישט איין צו פאָדערן די אָפּגעצאַר-בעטע פענסיע. אויף דערויף האַלטן זיי זיך פאַר צו-פיין און איידל-דערצויגענע. איי דער באַלעבאָס צאָלט זיי אויך נישט? פאַרענטפערט אים טאַקע די קאַסירשע, אַז ס'איז גאָר קיין ווונ-דער נישט, ווען אַ מענטש האָט אַזאַ פאַרדרייטן קאָפּ מיט בעל-חובות.

נאָך לאַנגן וואַרטעניש איז דער הער אָווסעי ענדלעך אַרויסגעקומען פון קאַבינעט. אַרויסגעקומען דערפאַר, ווייל ער

האָט אַוודאי געמיינט, אַז די „סוואָלאָטשעס״ זענען שוין אַוועקגעגאַנגען. דערזעענדיק אָבער אין איין קופּע דעם עולם געלט־פּרעסערס איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי צוריקגעזעצט און פאַרוווּרפלעך געקוקט צום הער פליג, וועלכער האָט אַזוי שלימזלדיק דערליידיקט דעם ענין.

— נו, מילא — האָט דער הער אָווסעי גענומען פאַרלעגן שמייכלען — איר האָט זיי אויסגעצאָלט?

— גלויבט מיר — ענטפערט פליג — אַז קודם־כּל וואָלט איך מיר אַליין גענומען. וואָסי? איך בין נישט אַזאַ וויכטיקער „מענטש״ ווי הערשל?

— נו וואָס טוט מען פאַנאָוויע? — האָט הער אָווסעי גענומען פירן מיט אַ האַנט איבערן פנים און ווי גערעדט צו זיך — אַז איך האָב פאָרט קיין געלט נישט. איר ווייסט דאָך ווי דאָס געשעפט ליידט צוליב די באַנקראָטן פון אונזערע אַלע קונים.

— איך מוז האָבן געלט — האָבן עטלעכע שטימען געענטפערט אויף אַמאָל.

— פאַניע פלינט — רופט זיך אָן דער פאָליעסער מיט דער שיינער נאָז — וואָס דערציילט איר אונז וועגן שלעכטע געשעפטן און גוטע געשעפטן? און ווען דאָס געשעפט איז געגאַנגען גלענצנדיק? האָט איר דאָך אויך געקלאָגט ביי געבן פענסיע. איך גיי נישט אַוועק אויב איך באַקום נישט קיין געלט. מיין פאַמיליע קען איך אַזעלכע מעשיות נישט דערציילן.

— נו, מילא — ענטפערט דער הער אָווסעי רויִק, נאָר אין זיינע אויגן קלויבט זיך שוועבל — אויב עס געפעלט אייך נישט, אַרבעט נישט.

— ביטע זייער — גיט זיך דער פאָליעסער אַ רוק פאַרויס — דערליידיקט מיר וואָס מיר קומט און מיר זענען אויס מחותּנים.

— אַלזאָ פאַניע. איר קענט שוין מאָרגן נישט קומען צו דער אַרבעט! — נעמט שוין דער הער אָווסעי רעדן מיט אַ בייזן שפּריץ.

— גוט. אַלץ אויב איר וועט באַצאָלן וואָס מיר קומט.

— יאָ! פאַר אַלץ! מאָרגן קריגט איר באַצאָלט פאַר דריי מאָנאַטן און פאַר אַלע צרות און שלעק און שלום! מער וויל איך מיט אייך נישט טענהן! איך האָב פיינט פּראָסטע נישט-קולטורעלע מענטשן!

— פאַניע פלינט — גיט זיך ראַפּטום פליג אַ רוק אַריין אינדערמיט — גלויבט מיר, אַז ס'לוינט זיך נישט אויפצורעגן. אַ שאָד די נערוון.

— דאָס איז געווען אַ חוצפּה! — קען זיך דער הער אָווסעי נאָך אַלץ נישט בארויִקן — און באַלד דערנאָך ווענדט ער זיך צו אַלע איבעריקע:

— פאַנאָוויע! איך האָב אַ הונדערטער. קען איך אים צווישן אייך צעטיילן. פאַרפאַלן. אַלע מוזן מיטליידן. און ווען עס געפעלט נישט דער קאָן טון פּונקט אַזוי ווי דער פּאַליעסער.

— אָבער צו די גוטע צייטן האָט איר אונז נישט געמאַכט פאַר שותּפים — ענטפערט דער פּאַליעסער מיט אַ טרוקן קול, ציטערנדיק פון אויפרעגונג.

— מיט אייך וויל איך איבערהויפּט נישט רעדן! איר קאָנט שוין גיין!

און ווידער זיך געוואָנדן צו די איבעריקע:

— אַלזאָ, ווילט איר צו עטלעכע גילדן?

— מילא — האָט אַ קרעכץ געטון איינער, באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער.

— נו גייט, גייט — האָט זיי דער הער אָווסעי נאָכגע-רעדטביים אַרויסגיין פון קאַנטאָר — פאַרפאַלן. אַז ס'וועט מאָרגן זיין געלט וועל איך אייך געבן.

און אַז ער איז שוין געבליבן אַליין מיטן הער פליג האָט ער זיך צעשמייכלט:

— נו, פליג, איר האָט געזען ווי אַזוי איך האָב דאָס געמאַכט? אָבער איר האָט געזען ווי אַזוי מ'ווערט פּטור פון אַ סוואָלאָטש? איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער מענטש. ער האָט מיר צעבונטעוועט ס'גאַנצע פּערסאָנאַל.

— דאָס האָב איך דאָך אייך שוין לאַנג געזאָגט.

* *
*

אָפּגערעדט פון פריער האָט זיך דער עולם געטראָפן אויף דער גאַס. אָבער די „מעשה" מיטן פּאָליעסער האָט בײַ יעדן אָפּגעשלאָגן דעם מוט. יעדער האָט אויסגעזוכט עפּעס אַ תּירוץ כּדי וואָס גיכער אַוועקצוגיין און צומאָל נישט געוואָלט רעדן וועגן דער אייגענער לאַגע. יעדער האָט זיך געטראַכט: גלײַכער נישט אײַנרייסן, איבערוואַרטן ס'שטיקל שלעכטע צײַט און ס'וועט ווידער ווערן ווי פריער.

דער פּאָליעסער אָבער האָט ווײַטער געוואָרנט:

— געדענקט חברים! איר קענט אים גאָרנישט. קנאַפּ געלט האָט ער איצט? אַזויפיל מכּהלעך אים. פריער האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין געלט און באַלד איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ הונדערטער! ער האָט זיך געפּרוווט. און ס'איז אים געלונגען, ווײַל איר האָט אים צוגעהאָלפן מיט אײַער שווײַגן און אונטערטעניקייט. אַלעמען וואָלט ער נישט אָפּגעזאָגט! און אַזוי וועט ער אָפּזאָגן ווי איצטער מיך, יעדן פון אײַך וואָס וועט זיך נישט לאָזן אויסנוצן. איר וועט זען אַ ביסל שפּעטער.

קיינער האָט זיך אָבער נישט פאַרטראַכט איבער זײַנע רייד. יעדער איז אַוועק גליקלעך און צופרידן וואָס ער געפינט זיך נישט אויפן פּאָליעסערס אָרט.

## 46

## „ב ײַ ע ב אַ ל ע ב אַ ט י ם"

שאַ. אומגעריכט האָבן מיר באַקומען נײַע „באַלעבאַטים": צוויי אַדוואָקאַטן מיט פײַנע לײַכטע טעקעס אונטערן אָרעם און איין ריכטער — אַ שיינער, איידעלער גראָער מענטש, וועלכער איז אַרום און אַרום אויסגעפּילט און ווײַך ווי אַ קישן און האָט

זיך אַזוי ליב, אַז ביים רעדן פאַרגינט ער זיך קוים-קוים צו עפענען די ליפּן.

געשען איז דאָס צלך אָט ווי אַזוי: די „פירמע פלינט" האָט זיך אַזוי לאַנג מישב געווען וואָס צו טון ביז זיי האָבן אויסגעפונען, אַז די גלייכסטע זאַך וועט זיין, מאַכן אַזוי ווי עס טוען אַלע אָרנטלעכע און סאָלידע פירמעס אין אַזאַ פאַל. ס'הייסט ווענדן זיך צום געריכט נאָך אַן „אויפזיכט" אויף אַ געוויסע צייט ביז דאָס געשעפט וועט אַ ביסל אַרויסקריכן פון די צרות. קיין באַנקראָט איז דאָס נישט. די בעל-חובות אָבער ווייזט מען אַ „פייג" און זיי טאָרן אפילו נישט מאָנען.

רב נאָסקע איז שטאַרק צופרידן פון דעם אייַנפאַל. ס'האָט נאָר, זאָגט ער, איין חסרון, וואָס דעם „אויפזיכט" קען מען לענגער ווי ניין חדשים נישט ציען. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי אים ווען עס קומט אַ בעל-חוב מיט אַ פּראָטעסטירטן וועקסל און ער, רב נאָסקע, גיט אים ראַפּטום אַ באַווייז אַ פּאַפּיר, אַז גאַנצע ניין חדשים האָט ער אים מיטן פּראָטעסטירטן וועקסל אין „ערגעץ-אַנדערש".

רב מנשהקע האַלט קנאַפּ פון דעם אויפטו. ס'איז, זאָגט ער, פאַרשטונקענע פיש געגעסן און פון שטאָט אַרויסגעטריבן. ס'הייסט, אי די אַדוואָקאַטן וועלן איינשלינגען אַן אוצר מיט געלט און סיי-ווי בלייבט מען שוין פאַרפאַטשקעט. דעריבער, טענהט רב מנשהקע, וואָלט דאָס גלייכסטע געווען ווען מען פאָלגט אים: אָפּקאָנטשען מיט די בעל-חובות באַלד לכתחילה אויף וויפיל עס לאָזט זיך, אָט אַזוי ווי ער אַליין האָט טאַקע געטון מיט כּמה יאָרן צוריק ווען ער האָט אַליין געהאַט ערגעץ אין אַ שטעטל אַ קראָם און לסוף אָנגעזעצט.

דער הער אָווסעי האָט זיך גאָר מיישב געווען און איז פלוצלינג „קראַנק" געוואָרן. ס'איז אפילו אַזאַ „קרענק", וואָס מ'דאַרף נישט צו איר אַ דאָקטאָר. נאָר פון שטוב גייט ער דערווייל נישט אַרויס. ס'הייסט ער שעמט זיך פאַר ליטן. מבינים זאָגן אָבער, אַז פון דער „קרענק" קומט מען גיך אַרויס.

עס דאַרף נאָר אַריבערגיין די ערשטע עטלעכע טעג ביז אַלע בעל־חובות ווערן געוואָר.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט אין שטוב איז דער הער אָווסעי צוריק אַראָפּגעקומען אין קראָם ווי קיינמאָל גאָרנישט און גערעדט און געגעבן צו פֿאַרשטיין די וויכטיקע בעל־חובות, אַז ס'האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, אַז נישט וואָלט אים גאָר אויסגעקומען צו גיין איבער די הייזער.
— אַז די אַלע קונים אונזערע האָבן אונז צעראַבירט — האָט ער צעוואָרפן די הענט — קיין איינער צאָלט אונז נישט. ווער ס'האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פוס האָט געשלעפּט פון אונזערע פּאָליצעס.

— אָבער מיט מיר פּאַניע פּלינט וועט איר דאָך געוויס אָרנטלעך דערליידיקן — וויל דערווייל יעדער אַרויסבאַקומען ביי אים אַ הבטחהלע.

— לאָמיר נאָר האַלטן דערביי — ענטפערט דער הער אָווסעי גאָר האָפּעררדיק — דערווייל ווייסט איר דאָך האָב איך דאָ גאָרנישט צו זאָגן. אַלץ זיי. די „באַלעבאַטים" מיינע — ווייזט ער אָן אויפן קאַבינעט ווו עס אַמטירן די אַדוואָקאַטן און איז בעת־מעשה שטאַרק צופרידן וואָס דערמיט אַליין פאַרמאַכט ער דאָס מויל ביי אַלע צודרינגלעכע און טשעקאַווע בעל־חובות.

## 47

## וועמען לויבט עס?...

די ערשטע אַרבעט פון די נייע „באַלעבאַטים" איז געווען, שיקן אַלע אָנגעשטעלטע רעדוקציע־בריוו, דאָס הייסט, אַז אין דריי חדשים אַרום איז יעדער איינער אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן. אויב ביי יעדן אין קעשענע איז דער בריוו געווען אַ שווערדריקנדיקע לאַסט, האָט זיך דער פּראָקורענט פליג אַרומגעטראָגן מיט דעם בריוו ווי מיט אַן אָקאָרשט געכאַפּטן וויץ. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אַ טשעפּע געטון הערשלען:

— נאַ זעסט, הערשל, כ'בין דערזעלבער יחסן ווי דו.

ביינאַכט אָבער איז דער הער פליג צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים און אַדוואָקאַטן געזעסן ביי אַ פיין־סערווירטן טיש און ווייטער געדרייט דאָס רעדל. אַן אַדוואָקאַט איז טאַקע אַ מענטש, וואָס מוז וויסן געגוי דעם קאָדעקס. ער מוז אָבער אויך וויסן וואָט עס וויל פון אים אַ באַלעבאָס, וועלכער קאָן שטעלן אַזעלכע רייכע וועטשערעס און קען אויך צושיקן אַהיים נישט קיין געוויינלעכע מתנהלעך.

ביי איינער אַזאַ וועטשערע איז אויך געוואָרן די נייעס, אַז פון היינט אָן באַקומען די „מענטשן" אויסגעצאָלט מיט וועקסלען. אחוץ פאַרשטייט זיך דער הער פליג, וועלכער האַלט די הויפט־קאַסע און דאַרף נישט אָנקומען נאָך פענסיע צום באַלעבאָס.

ביים הער אָוסעי איז דער חשבון אַ פשוטער. איינשפאָרן כך־וכך. זינט ער האָט זיך געשטעלט, האָבן די בענק אויפגעהערט אָנעמען זיינע וועקסלען. דאַרף ער אָנקומען צו פריוואַטע דיסקאָנטערן, וועלן אויסגעריסן מיט פראָצענט כדי צו מאַכן די „מענטשן" זיינע באַקוועם? שלאָגן זיי זיך קאָפ אין וואַנט. זאָלן זיי אַליין זיך זוכן צו דיסקאָנטירן די וועקסלען.

דער איינציקער וואָס איז העכסט־צופרידן פון דער נייעס איז שליוניק. באַלד נאָכן אַרויסגיין פון קאַנטאָר, אין טויער, צאָלט ער אַלעמען אויס געלט פאַר די וועקסלען, אַראָפרעכענדיק פאַר זיך אַ גאַנץ היפשן פראָצענט. ביי אים איז רעכט צו געבן געלט פאָרויס, אַבי צו זיין זיכער, אַז דער וועקסל וועט שוין אויף „פעוונע" אַריינפאַלן צו אים אין האַנט.

# 48

## רעדוקציעס

דערווייל באַקומט מען געגוי יעדע דריי חדשים אַ פרישן זבענק אין האַרץ אַריין — אַ נייעם רעדוקציע־בריוו.

מורא־האָבנדיק, אַז דער „עולם" זאָל דערוויייל נישט ווערן „צעלאָזט" און נישט זיין פויל צו דער אַרבעט, האָט דער הער אָווסעי אַליין יעדן איינעם איינגערוימט אַ סוד: אַז די מעשה מיט די „בריוו" איז נישט מער ווי אַ זאַך „פּאָפּאָרמאַ" וואָס ער אַליין איז געווען קעגן דעם, נאָר נישט מער די אַדוואָקאָטן מוזן עס טון ווי לאַנג זיי זיצן דאָ.

— איבעריקנס — האָט ער נאָך שטילער איינגערוימט יעדן איינעם — וועט מען עטלעכע „מענטשן" סיי־ווי מוזן אָפּזאָגן, נאָך אייך מיינט מען געוויס נישט.

אַלע קענען שוין אַפילו צו־גוט דעם הער אָווסעיס „צו־זאָגן". פונדעסטוועגן אָבער איז זיין „סוד" געווען ווי געוואָרפן אַ שטעקן אין ראָד אַריין.

צום אָפּגערעדטן אָרט, אַהיימגייענדיק פון דער אַרבעט, זענען קוים צוגעקומען געציילטע מענטשן. איינעם האָט „פּלוצלונג" געגומען „ווייטון" דער קאָפּ. ביי אַן אַנדערן ריכט זיך דאָס ווייב אַ ליאַדע מינוט אין קימפּעט, דאַריבער מוז ער וואָס גיכער אַהיימלויפן. אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיטן תירוץ, אַז וואָס מ'וועט באַשליסן האַלטן זיי מיט. דער מאַגאַזינער סטעפּאַן האָט שטאָלץ געענטפערט, אַז מ'זאָל נישט פאַרגעסן זיינע פינפאונפופציק יאָר און די „שלאַכעצקע" פאַמיליע פון וועלכע ער שטאַמט אַרויס און וועלכע האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין אַזעלכע נאַרישקייטן ווי „שטרייקן". פונדעסטוועגן, זאָגט ער, וועט ער נישט שטערן, נאָר צוליגן דערצו זיין האַנט וועט ער אויך נישט. די וואָיאַזשאָרן האָבן צומאָל נישט געוואָלט ענטפערן. זיי קוועטשט דערוויייל גאָרנישט. אַז זיי קאָסירן איין אונטערוועגס געלט נעמען זיי זיך אַליין פּענסיע. איז צו וואָס, טראַכטן זיי זיך, נאָך אויסהערן פרעמדע צרות? די קאָסירשע האָט זיך געטוליעט אין פּאַלטן, אומגעדולדיק געקוקט אויפן זייגערל און געזאָגט, אַז ס'איז אַפילו נישט כדאַי צו רעדן דערפון. ווייל אָט האָט זי ערשט נעכטן גערעדט מיט אָווסעיס ווייב (גייענדיק מיט איר צו דער שניידערין) און זי האָט איר געזאָגט, אַז מ'וועט קיין איין „מענטש" נישט אָפּזאָגן.

— אַ שאָד וואָס דער פּאָליעסער איז היינט נישטאָ — האָט הערשל שטייענדיק אין אַ זייט, אַ זאָג געטון ווי פֿאַר זיך.

— אָבער זאָלן מיר כאָטש זיין איינגעשריבן אין פֿאַריין — האָט דער עלטערער פּאַקער געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

— אַוודאי — האָט צוגעשטימט דער הויכער ראַטאָמער — דערפֿאַר דאַרפֿט איר דאָך געוויס נישט מורא האָבן. דערמיט רירט איר דאָך מיט גאָרנישט אָן דעם באַלעבאָס.

דער איבעריקער עולם האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיך, געשטאַנען אין קווענקלעניש גלייך מ׳וואָלט אים וועלן אַריינגאַרן אין זאַק.

— אינדעראמתן — האָט דער עלטערער פּאַקער ווידער געזאָגט — נו שטעלט אייך פֿאָר, איז דען נאָך פֿאַראַן אַ מער פּשוטע זאַך. אונזערע באַלעבאַטים זענען סוחרים געהערן זיי צום סוחרים־פֿאַריין. און ס׳איז נאָך ביי זיי אַ כבוד. און מיר אָנגעשטעלטע שעמען זיך צו געהערן צו אַ פֿאַריין פֿון אָנגע־שטעלטע?

— ס׳איז נישט דאָס — האָט די קאַסירשע געענטפֿערט און אין אַ פֿאַרלעגנהייט זיך געדרייט אויף אירע הויכע אָפּצאַסן איך זע נישט די נוצן וואָס דער פֿאַריין וועט אייך געבן. מיט דעם הער אָוועסעי קען מען אַזוי בעסער אַדורכקומען. און וואָס וועט איר טון מיט פֿליגן און מיט די איבעריקע וואָס ווילן זיך נישט פֿאַרשרייבן אין פֿאַריין?

— אַז מיר אַלע וועלן יאָ זיין אין פֿאַריין וועלן זיי מוזן האַנדלען לויט אונזער ווילן. דעמאָלט וועלן מיר קענען מאַכן אַ סוף מיט די רעדוקציע־בריוו, מיט די וועקסעלעך. און אַזוי וועט ווערן פֿאַר אונז אַלץ ערגער.

— גאָר קאַפּויער — גיט זיך אַ שאָקל שליוויניקס קאָפּ — זיי וועלן איצט מאַכן דאָס אמתע קאַפּל מיט געלט. קיין חובות צאָלט מען נישט. און מ׳לייזט אַקוראַט ווי פֿריער. איר וועט זען, אַז זיי וועלן נאָך מוזן צונעמען נייע „מענטשן״.

— איז וואָסושע בלייבט? — מונטערט ראַטאָמער.

— נו איר קענט זיך דאָך פֿאַרשרייבן אין פֿאַריין. עמעצער שטערט אייך?

— ביי צוויי־דריי מענטשן קעגן פּופּצן קען דער פֿאַריין קנאַפּ־וואָס אויפטון. עס דאַרף זיין פֿאַרקערט. דעמאָלט געווינען מיר אַלץ.

— נו איך וועל זיך נאָך מישב־זיין — גיט אַ זאָג די קאַסירשע ווי זיך אָפּצושעפּען און גייט אַוועק.

— גלויבט מיר, ס׳איז אַ שאָד די עטלעכע גילדן — גיט זיך שליוניק אינסטינקטיוו אַ טאַפּ דעם טייסטער מיט געלט און איילט אויך אַוועק.

און אַלץ בלייבט ווייטער ביים אַלטן ווי געווען.

## 49

## דער הער אָוסעי טוט צוליב...

ס׳זענען שוין אויך אַוועק די דריי מאָל צו דריי חדשים און צוזאַמען מיט זיי די „נייע באַלעבאַטים״, די אַדוואָקאַטן, הייסט עס. געבליבן איז אָבער פּונקט ווי פֿריער די רעדוקציע־בריוו, וועלכע דער הער אָווסעי שיקט ווייטער, און דאָס צאָלן פּענסיע מיט וועקסעלעך. אויף ביידע זאַכן האָט דער הער אָוו־סעי אַ תּירוץ. און דעריבער, זאָגט ער, קען מען אויף אים דערפֿאַר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן. אין דער מעשה מיט די „בריוו״, זאָגט ער, איז ראשית פֿירן זיך היינט אַזוי אַלע גרויסע פֿירמעס. און צווייטנס, זאָגט ער, זענען שולדיק אין דעם די צייטונגען, וועלכע האַלטן אין איין שרייבן, אַז דער קריזיס וואַקסט, ווערט שטאַרקער, אַז די וועלט גייט אונטער. איז ווי די מעשה זאָל נישט זיין, וויל קודם, ער, דער הער אָווסעי, זיין באַוואָרנט און נישט דאַרפֿן האָבן צו טון שפּעטער מיט „מענטשן״ און מיט אַנטשעדיקונג. און ערשט וועגן די וועקסע־לעך, זאָגט דער הער אָווסעי, האָט ער גאָר געהערט, אַז עטלעכע „מענטשן״ זענען שטאַרק צופֿרידן פֿון די וועקסעלעך. און אַזוי

ווי די איבעריקע „מענטשן" רעדן אויך גאָרנישט, ווייל נישט דער הער אָווסעי צונעמען ביי זיינע „מענטשן" אַ זאַך, פון וואָס זיי האָבן הנאה...

## 50

## מיט דער פוטער אַראָפּ

נאָך דער „רעגולאַציע" וועלכע האָט אַ סך בעל-חובות נישט געשמעקט האָבן אַ טייל פאַבריקאַנטן גענומען איינהאַלטן דעם קרעדיט און אין דער גרויסער קראָם, זעט אויס, הייבט עפּעס אָן צו גיין מיט דער פוטער אַראָפּ.

און אין דעם אַלעמען, זאָגט רב נאָסקע, איז שולדיק אָווסעי. ער רוימט איין מנשהקען אויפן אויער און אַלע אַרום הערן פונדעסטוועגן:

— דו ווייסט, אַז מער ווי אַ העלפט פון אַלע חובות זענען זיינע אייגענע, פּריוואַטע. דו געדענקסט. אַקוראַט ווי ער פלעגט טון פאַר דער מלחמה. אָבער צאָלן די חובות וועט דער געשעפט. באַשר, דו האָסט פיינט צו קוקן אין די ביכער. מיך אָבער קען מען נישט אָפּנאַרן.

מנשהקע, וועלכער געדענקט שטענדיק, אַז ער דאַרף חתונה-מאַכן די טעכטער און קיין נדן פאַר זיי האָט ער נאָכ-נישט, האָט פיינט צו רעדן וועגן נעכטיקע טעג. די מעשה וואָס רב נאָסקע דערציילט אים טוט אים אַ ברי אין סאַמע נאָפּל. און נישט אויפהערנדיק צו חשבונען אין אַ בוך וואַרפט ער פון זיך אַרויס צעקאָכטע רייד:

— איצט מוז ער אונז אַרויפנעמען אויפן קאָנטראַקט צום הויז מיט די שפּייכלערס. אַז נישט וועט מען אַרויס פון דאַנען אָן הויזן. געטון דעמאָלט אַ שוואַנצעריי און אים געגלויבט אויפן וואָרט.

— נאַר איינער — לאַכט אים רב נאָסקע ביטערלעך אין

פנים אריין — און איין ציגל אפילו? איין ציגל פון הויז וועט ער דיר געבן? אדרבה. פרווו.

— טא וואס זאל איך טון? וואס? זאג! — טוט רב מנשה-קע א צעווארף ביידע הענט.

— איך ווייס וואס דו זאלסט טון?

— און נאך וואס דערציילסטו מיר דאס אלץ? כדי מיר צונעמען דעם לעבער מיטן הארץ?

— וואס בייזערסטו זיך אויף מיר?

— טא זאג וואס צו טון? נישט גלאט דערציילן.

— כ׳ווייס. רעד מיט אים.

— איך זאל מיט אים רעדן? רעד דו מיט אים!

— איך זאל רעדן מיט אים?

געוויינלעך דויערט אזא שמועס אזוי לאנג ביז אין דער קראם טוט א פאל אריין דער הער אוסעי מיט זיין שטענדי-קער פראגע:

— נאסקע, מנשהקע. ס׳איז עפעס אריינגעפלאסן געלט? כ׳דארף אקוראט נייטיק האבן.

אפילו ווען ס׳איז דא געלט ענטפערן זיי אויך, אז נישט. זאל אים, זאגט רב נאסקע, אויך אביסל דרייען אין בויך.

## 51

## מ׳שרומפט זיך איין

מען זעט בעשיינפערלעך, אז אין דער גרויסער פירמע ווערט מיט יעדן טאג אלץ ערגער. צו צאלן איז דא איבערן קאפ און דער פדיון ווערט שוואכער. אלע אוונט נאכן פאר-מאכן די קראם זיצן די באלעבאטים אין קאנטאר און זענען זיך מישב. רב מנשהקע זאגט, אז מ׳מוז מיטגיין מיט דער צייט. און אז מ׳קען נישט זיין גרויס, מוז מען ווערן קליין. מ׳דארף, זאגט ער, פארקלענערן דאס געשעפט, אפזאגן די „מענטשן" מיט די גרעסערע פענסיעס. און קודם-כל פליגן. ער אליין, זאגט ער,

נעמט זיך אונטער איבערצוחזרן יעדן טאָג פּליגס וויצן פֿאַר אַ סך ווייניקער ווי פּליג נעמט דערפֿאַר. און צו אַ לײדיקער קאַסע, זאָגט ער, דאַרף מען קיין קאַסירשע אויך נישט.

— זי איז אַפילו אַ גאַנץ ווויל מיידל — פֿאַרענדיקט רב מנשהקע — נאָר אַז מען מוז, מוז מען און קאַנטשענאַ!

רב נאָסקע ווידער טענהט אויך דאָס זעלביקע, נאָר אַ ביסל אַנדערש.

— אויף כּפּרות — זאָגט ער — דאַרף מען די וואַיאַ־זשאַרן. זיי האָבן צעטיילט די קראָם פֿאַר אומזיסט. עס ווערט צוריק אַן עולם אמת. סחורה וועט ווערן מיט גאָלד גלײַך. בפֿרט, אַז עס קומט נישט צו צו דער פּאָליצע, נאָר עס ווערט ווייניקער, ווייל מ׳עסט אויף.

דער הער אָווסעי, וועלכער הערט אויס די אַלע טענות, טוט ראַפּטום אַ קלאַפּ אין טיש:

— איר ווילט פֿירן אַ קראָם, ווי אין ווישקאָווע? טאָ פֿירט אײַך אָן מיר! איר ווייסט איינס און איך ווייס עפּעס אַנדערש.

און דער הער אָווסעי ווייסט, אַז ער איז שולדיק גאָר אַ סך געלט און אַז ער מוז דאָס אָפּצאָלן. הערט ער טאַקע זיינע שותּפים. נאָר ווי אַזוי צו טון, ווייסט ער שוין אַליין.

כּדי צו בלייבן דער גרויסער וואַרשעווער סוחר און או־מעטום שפּילן די זעלביקע ראָלע ווי אַמאָל, האָט דער הער אָווסעי מיט נאָך מער קוראַזש, ווי פֿריער צעשיקט איבער דער מדינה די וואַיאַזשאָרן און אויך הערמאַנען.

— לייזט! לייזט! לייזט אַ סך און שיקט מיר באַלד דעקונג! — האָט ער יעדן איינעם אָנגעזאָגט ביים אַוועקפֿאָרן.

די פּראָווינצער קונים האָבן גערן גענומען די סחורה. זיי האָבן אויך זייער גערן געגעבן וועקסלען אָבער זעלטן ווער עס האָט די וועקסלען געצאָלט. זיי האָבן געטענהט, אַז אַ העלפֿט האָט צוגענומען דער פֿויער און אַ העלפֿט האָט מען צוגענומען פֿאַר שטייערן און דאָס איבעריקע — איז מען דאָך נאָר אַ לעבעדיקער מענטש. און דער פֿויער ווידער האָט געטענהט, אַז

פאַר זיין פּראַצע האָט ער גאָרנישט. און דאָס ביסל וואָס ער האָט יאָ, נעמט מען אים צו פאַר שטייערן.

און די שופּלעדלעך אין הער אָווסעיס ביורקע זענען וואָס אַמאָל געוואָרן פולער מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען. און די פּאָליצעס מיט סחורה וואָס אַמאָל מער ליידיק.

— האַ, נאָסקע. וואָס וועט דאָס זיין פון דעם? — פרעגט אים דער הער אָווסעי.

— דו ווייסט דאָך בעסער — טוט אים רב נאָסקע אין גוטן אַ שטאָך — דו האָסט געמאַכט ביז איצט, מאַך ווייטער.

## 52

## די באַלעבאַטים ווערן ברוגז

— ווידען? אַקוראַט ווי מ'האָט פאָרויסגעזען. רב נאָסקע מיט אָווסעיען האָבן זיך טאַקע גוט צעוועדטלט. געשען איז עס ביים „רעגולירן" די בעל-חובות. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז יעדער פון די באַלעבאַטים האָט זיך געהאַט ז ײ נ ע אַ פּאָר בעל-חובות וועלכע ער האָט געוואָלט אָפּצאָלן ביז אַ קאָפּיקע.

פאַר זיינע אייגענע בעל-חובות האָט זיך דער הער אָוו-סעי טאַקע זייער פיין אויסגעמענטשלט. אַז ס'איז אָבער געקו-מען צו די „יחסנים" פון זיינע שותפים איז אים יעדער גראָשן געוואָרן אַ שאָד.

און אָט צוליב איינעם אַזאַ בעל-חוב איז עס געשען.

רב נאָסקע איז געשטאַנען און געטענהט צו אָווסעיען:

— הער זיך איין. דעם-אָ מוזטו אָוועקגעבן ביז אַ קאָפּיקע.

— פאַר וועלכע מעשים-טובים קומט עס אים? — טוט דער הער אָווסעי אַ בייזן פרעג כדי אַפּנים צוצונעמען ביי רב נאָסקען דעם חשק אויף ווייטער.

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: אים מוז מען אָוועקגעבן ביז אַ קאָפּיקע — און רב נאָסקעס אויגן הייבן שוין אָן גליען.

— טאָ זעץ דו זיך דאָ אוועק און צעטייל די קראָם! — טוט דער הער אָווסעי מיטביידע הענט אַ קלאַפּ אין טיש.

— דו מיין דיר נישט, אַז דאָס איז אַזאַ ווי ד ע ר פון יענע וואָך. איך האָב אים גאַראַנטירט און מ׳מוז אים אַוועקגעבן אַלץ. אַז נישט וואָלט ער נישט געקריגן קיין איין דאָלער.

— ער האָט געבאָרגט אומזיסט?

— אים מוז מען אַוועקגעבן — עקשנט זיך ווייטער רב נאָסקע.

— פּראָצענט האָט ער גענומען ווי אַלע אַנדערע? — ווערט שוין דעם הער אָווסעיס פּנים רויט פון כּעס.

— און אַז ער האָט גענומען? איך האָב אים גאַראַנטירט. דו האָסט דאָך אַליין געהייסן.

— ער איז אַ ליכוויאַזש ווי אַלע אַנדערע!

— און וואָס איז די מעשה וואָס פאַר דיינע אייגענע בעל־חובות טוסטו זיך אַזוי אויספּיינען? — טוט אים שוין רב נאָסקע אַ שטאָך.

— ווער? איך?

— ווער דען? איך?

— פאָלג מיך נאָסקע און גיי אַריין אין קראָם און מיש דיך נישט אין נישט־דיינע זאַכן — זאָגט דער הער אָווסעי אַ ביסל מילדער כּדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל.

— וואָסי? איך האָב שוין גאָר קיין דעה נישט?

— און אַז דו האָסט אַ דעה אויף אַ פּאָר פּראָצענט? דו פאַרגעסט אַפּנים, אַז מער ווי אויף צען פּראָצענט דעה האָסטו דאָ נישט.

— ווייל די איבעריקע האָסטו ביי מיר אויסגענאַרט! דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן?

— נאָסקע! וואָס פאַראַ חוצפּה איז דאָס! — גיט זיך דער הער אָווסעי ראַפּטום אַ שטעל אויף.

— מיר וועסטו זאָגן חוצפּה? דו לאַבוז דו! — און רב נאָסקעס באָרד ווערט שטייף פון רוגזה און זיינע הענט האָבן חשק צו אַרבעטן מעשים.

— איך בין אַ לאָבוז? — פרעגט איבער דער הער אָווסעי.

— ווער דען איך? דו סוואָלאָטש, דו!

— איך בין אַ סוואָלאָטש! איך?

— ווער דען איך? דו ליגנער דו!

— איך בין אַ ליגנער? — האַלט אַלץ דער הער אָווסעי אין איין איבערפרעגן און איז ווי צעמישט פון רב נאָסקעס פּלוצלונגן אָנפאַל.

— ווער דען איז אַ ליגנער? איך? — ווערט שוין רב נאָסקע הייזעריק פון שרייען — דו גנב! דו!

— איך בין אַ גנב? — פרעגט דער הער אָווסעי ווידער איבער און אַ שוים קומט אים שוין אַרויס אויף די ליפּן.

— ווער דען איך? דו מערזאַווע! דו! צען פּראָצענט, וועט ער מיר זאָגן, האָב׳ך דעה! צונעמען ביי יענעם האָט ער געוווסט! דו! טפו!

ווען נישט פליג מיט די בוכאַלטערס וועלכע זענען אַריין אין קאַבינעט און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט רב נאָסקען וואָלט זיך אַוודאַי בלוט געגאָסן. סייוויסיי, זינט יענעם שמועס זענען ביידע ברוגז. דער הער אָווסעי ווייזט זיך זעלטן אין קראָם און רב נאָסקעס פוס קומט שוין אין קאָנטאָר נישט אַריין. און אַז עמעצער פון די באַקאַנטע פרעגט רב נאָסקען, צי עס איז טאַקע אמת, אַז אָווסעי איז מיט אים ברוגז, טוט רב נאָסקע אַ קאָך־אויף און ער ענטפערט מיט בייזער גדלות:

— וואָס האָט ער געזאָגט? ער איז ברוגז מיט **מיר**? איך בין גאָר ברוגז מיט אים!

## 53

## דער דייטש בייט אָוועק

אַלע „מענטשן" האָבן זיך שוין איינגעקויפט נייע ביכלעך כדי יעדע וואָך צו פאַרשרייבן די פּענסיע וועלכע מען באַקומט נ י ש ט. אַ וועקסל צו געבן איז אים שוין אויך געוואָרן אַ שאָד,

דעם הער אָווסעי. וואָרן מיט אַ וועקסל, טראַכט ער זיך, קאָן מען פטרן אַ בעל-חוב. פאַר אַ וועקסל קאָן מען באַקומען פרישע סחורה. מאַלע וואָס מ׳קאָן אַלץ טון מיט אַ וועקסל, אַבי נישט מאַרנעווען עס אויף דער פאַרשאַלטענער פענסיע.

דערווייל זענען די ביכלעך וואָס אַמאָל געוואָרן מער גע־שוואָלן מיט גראָבע סומעס פאַרלעגענע פענסיע. דאָס עשירות פון די ביכלעך האָט זיך גלייך אָנגעזען אויף די „מענטשנס״ פנימער, אויף זייער אָפּגעטראָגן אָנטועכץ און אויף די גאָרנישט־פויגלדיקע שיך. נאָר וואָס אַרט עס דעם הער אָווסעי, אַז ער האָט בחנומדיקע „עבדים״? יעדן דאָנערשטיק, ווען די „מענטשן״ קומען אַריין נאָך פענסיע גיט ער אַ ביסל אַ צעקנייטש דאָס פנים ווי עס וואָלט זיך וועלן צעוויינען, קלאָגט און ביטערט אויף דעם תכלית וואָס עס איז געוואָרן פון אַזאַ ריזן-קראָם און דערווייל ברענגט ער זיך איין אַ היפּשע סומע.

— טאָ גיט כאָטש אַ וועקסעלע, פאַניע פלינט — שטעלט זיך איין עמעצער פון די „מענטשן״.

— ווער האָט וועקסלען? — גיט דער הער אָווסעי אויפן אָרט אַ זאָג אָפּ אַ ליגן. הלוואַי וואָלט איך געהאַט. איך באַ־דאַרף אַליין האָבן אַ ביסל געלט.

נישט אַלע אָבער האָבן געקענט פאַרטראָגן דעם הער אָוו־סעיס ראָלע וואָס ער האָט יעדע וואָך אָפּגעשפּילט.

דער ערשטער האָט זיך איצט אַ שטעל געטון דער דייטש קיטמאַן.

בלייבנדיק הינטערשטעליק מיט עטלעכע וואָכן פענסיע האָט ער, נישט זאָגנדיק פריער קיינעם, אין אַ פּראָסטן מיט־וואָך, זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב-טיש און אַ גאַנצן טאָג צומאָל נישט איינגעטונקען די פעדער. דער הער אָווסעי האָט זיך געמאַכט נישט-זעענדיק. ענדלעך אָבער ווען ער האָט עפּעס באַדאַרפט האָבן פון דעם דייטשס ביכער, און אים אַ פרעג געטון וועגן דעם ענין, האָט דער הער קיטמאַן געענטפערט גאַנץ גלייכגילטיק:

— אומזאנסט הער פלינט אַרבייט איך ניכט, יאַ. יאַ.

דער הער אָוּוסעי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי מיט אַן אויסגעפּאַטשט פּנים. באַלד אָבער האָט ער ארײַנגעבעטן דעם דײַטש אין קאַבינעט. און דער סוף איז געווען, אַז דעם זעלבן טאָג נאָך איז דער הער קיטמאַן אַוועק פון דער אַרבעט איבערלאָזנדיק אַ בריוול, אַז צו דער „פירמע פלינט" האָט ער קיין שום פּרעטענסיעס.

אויף אַן ענלעכן אופן איז אויך אַוועק דער מאַגאַזיניער סטעפאַן. און ווײַבאַלד אַן אַ מאַגאַזיניער דאַרף מען שוין אויך נישט דעם מאַגאַזיניערס געהילף משה-בערן. און אַז מע וועט דאַרפן טון אין שפּײַכלער, זאָגט דער הער אָוּוסעי, איז נישט חולה איינער פון זײַנע שותּפים אַהינצוגיין מיט די שליסלען און אַכטונג צו געבן. ער האָט שוין איצט גאָר חרטה וואָס אַזויפיל יאָר האָט ער געפּטרט געלט אויף אַ שפּײַכלער מיט אַ באַזונדער פּערסאָנאַל.

אָט אַזוי ווערט יעדעס מאָל ווייניקער „מענטשן". און די איבערגעבליבענע, אָנשטאָט זיך אויך אַ שטעל צו טון אויף אַמאָל מיט דער דראָענדיקער פאָדערונג, איז גאָר יעדער בײַ זיך צופרידן וואָס עס ווערט ווייניקער „עולם" און מער אַרבעט. וועט דאָך שוין דער הער אָוּוסעי האָבן ווייניקער צו צאָלן און במילא וועט אויסקומען אויף יעדן מער. אַקוראַט אַזוי זאָגט אויך דער הער אָוּוסעי און גיט דערווײַל צו חשק צו דער אַרבעט. אַ פּאָר וואָכן פירט ער זיך טאַטע לויטן צוזאָג. ער גיט עטלעכע גילדן מער אָדער גאָר אַ וועקסעלע. דערנאָך אָבער נעמט ער ווידער דרייען אויפן אַלטן שטייגער און גיט אַזויפיל, אַז עס איז צופיל צו שטאַרבן און צו-ווייניק צו לעבן און די רעשט ווערט ארײַנגעשריבן אין ביכעלע.

— און ווען עס געפעלט נישט — זאָגט דער הער אָוּוסעי מיט כּעס באַמערקנדיק מאַנכעס אומצופרידנקייט — קען טון פונקט אַזוי ווי קיטמאַן אָדער סטעפאַן. איך וועל קיינעם נישט שולדיק בלײַבן. די אָבער וואָס ווילן אַרבעטן מוזן מיטלײַדן. פאַרפאַלן. ווי איר ווילט זיך.

## 54

## דעם הער אָוסעים רחמנות

— „ווער וועט איצט זיין ס׳כפרה-הינדל?“

אזוי האַלט מען אין איין פרעגן בעת עס רוקט זיך אָן דער טערמין פון די רעדוקציע-בריוו.

דער „עולם“ קומט צו דער אַרבעט מיט טיפע רעדער אונטער די אויגן פון נישט קענען שלאָפן ביינאַכט. יעדער גייט אַרום צעררודערט מיט פרעסנדיקע זאָרג אין די בעבעכעס. איין קליינינקייט. אָפגעאַרבעט אויף אַן אָרט צו זיבן, אַכט און צוועלף יאָר, געהאַט אַ שטיקל ברויט צו דער זעט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. חתונה-געהאַט און קינדערלעך געהאָדעוועט. געהאָלפן אַן אָרעמען טאַטן און אויפגעהאַלטן אַן אַלטע מאַמע. און מיטאַמאָל אָט אַזוי-אָ? מיט דער איינער גריזשענדיקער פראַגע דורכן גאַנצן מעת-לעת?

— „און וואָס וועט זיין מיט דער דירה? און ווו וועט מען נעמען אויף עסן?“

אָבער דאָס אַלץ איז ביי יעדן טיף אינעווייניק פאַרבאָרגן. אויבנאויף זאָגט מען זיך נאָך אַ ווערטל און סוף-כּל-סוף טראַכט זיך יעדער איינער: „אַז טרעפן וועט עס געוויס דעם אַנדערן און נישט אים“. ווייל ווי די מעשה זאָל נישט זיין איז נאָך דערווייל דאָס געשעפט — געשעפט. אמת טאַקע, נישט אַזוי ווי פריער. אָבער עס רודערט זיך נאָך. און צייטנווייז מאַכט זיך נאָך אַזויפיל אַרבעט, אַז עס פעלט אויס הענט און איינער מוז אַרבעטן פאַר צוויי.

עפּעס הויבט איינער אין אַנדערן אָן צו זען אַ שטערונג פאַר זיך. מען מיידט אויס זיך צונויפצוטרעפן און רעדן אַ וואָרט. אויף די כּסדרדיקע ווענדונגען פון פאַריין, אַז דאָס פּערסאָנאַל זאָל זיך צונויפקומען און אָנהויבן אַן אַקציע קעגן דער חוצפּהדיקייט פון די באַלעבאַטים, ענטפערט מען צומאָל נישט. יעדער באַהאַלט דעם בריוו אין קעשענע, פּטרט אָפּ דעם

גאַנצן ענין מיט אַ פּוילן תירוץ און גליט פון מורא, אַז דער הער אָווסעי זאָל זיך חלילה נישט דערוויסן, אַז דער פאַריין וויל זיך מישן.

און דערווייל טוט זיך דער הער אָווסעי ס׳זייניקע. יעדע דריי חדשים זאָגט ער אָפּ אַן אַנדערן און צו די איבערגעבליבענע שיקט ער נייע „בריוו״. און יעדעס מאָל פאַרענטפערט ער זיך מיט אַ געראָטן קרעכצל און מיט באַלעבאַטישער גוט־האַרציקייט. ס׳איז אים טאַקע, זאָגט ער, אַ רחמנות אויף דעם אָפּגעזאָגטן. „אַ פיינער מענטשל״. ער מוז דאָס אָבער טון, זאָגט ער, פאַר דער טובה פון די איבערגעבליבענע.

# 55

## שליווניק און די קאַסירשע

זיך דערוואָרט גוטע צייטן.

נישט קיין אַנדערע ווי שליווניק און די קאַסירשע האָבן פּלוצלונג גענומען אַרבעטן מעשים, אַז אַלע ווי איינער זאָלן באַלד אַריין אין פאַריין און אַז עס וועט נישט זיין קיין אַנדערע ברירה זאָל מען גאָר אַרויס מיט אַ שטרייק. געשען איז דאָס דערפאַר, ווייל די לעצטע רעדוקציע־בריוו מיינען טאַקע זיי ביידע. און אַ חודש פאַרן טערמין האָט זיי דער הער אָווסעי ווידעראַמאָל געזאָגט, אַז ליידער איז נישט אַזוי ווי ער האָט געמיינט — קענען זיי איינהאַלטן אַפילו אויף ערגערע באַדינגונגען — און דעם ערשטן דאַרפן זיי שוין נישט קומען צו דער אַרבעט.

שליווניקס גרעסטע טענה צום הער אָווסעי איז געווען הלמאַי האָט ער אים נישט אָפּגעזאָגט מיט עטלעכע יאָר פריער, וואָלט ער כאָטש פאַרשפּאָרט דעם קלאָפּאָט זיך צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ ווייב, מיט קינדער. ער קאָן גאָרנישט מושווה־ווערן מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפן עפּעס אַראָפּנעמען פון „קניפּל״.

— מילא. אויף אַזעלכע זאַכן איז פאַראַן אַן עצה — מאַכט דער הער אַוועסי מיט אַ געלעכטערל — גט מען זיך מיט אַ ווייב. איר זעט דאָך, אַז קיין אייביקע זאַכן זענען נישט פאַראַן.

דערנאָך האָט נאָך שליווניק געפרווט אויף פאַרשידענע וועגן צו געווינען דאָס האַרץ פונם באַלעבאָס. ער האָט געגעבן כלערליי עצות: אָפּזאָגן אַזעלכע וואָס אַרבעטן נישט אַזוי לאַנג ווי ער און וואָס האָבן נישט ווייבער מיט קינדער: אַראָפּנעמען יעדן איינעם צו ביסלעך פון דער פענסיע כדי דער הער אָווי זאָל נישט דאַרפן צאָלן פון דער אייגענער קעשענע.

— און ווען נישט איך, פּאַניע פלינט, וואָלט דאָך גאַנצער עולם געווען אין פּאַריין. פאַר דעם בין איך אויך גאָר נישט ווערט?

„אַ קאָפּיקע אויך נישט״, טראַכט זיך דער הער אָווסעי און ענטפערט נישט צומאָל שליווניקן אויף זיינע אַלע טענות. ווייל ביי אים איז עס אַ באַשלאָסענע זאַך. אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט פאַר דער מלחמה ווען דאָס געשעפט איז געהאַט געשטאַנען גאָר שמאָל. די ערשטע זאַך איז, נישט האָבן אינגע-ווייניק „מענטשן״ וואָס האָבן אייגן געלט. גלייכער האָבן צו טון מיט „מענטשן״ וואָס יעדן טאָג פעלט זיי אויף אַ ברויטל. מיט אַזעלכע קען מען זיך גיכער אַן עצה געבן.

פאַר דער קאָסירשע איז דאָס געווען גלייך איר טאַטע-מאַמע וואָלטן מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען פון קבר און באַלד אי-בערראיינס געשטאָרבן. איר? איר זאָל דער הער אָווסעי אָפּטון אַזאַ זאַך? איר? אַ מענטש וואָס איז אויסגעקאָכט אין אַלע שטוב-זאַכן פון הער אָווסעי. אַ מענטש וואָס באַזאָרגט די באַ-לעבאַטים מיט שניידערינס, מאָגן-דאָקטוירים, דענטיסטן און מאַ-סאַזשיסטינס. אַ מענטש וואָס איז אַלעמאָל אַ פיינער גאַסט אויף יעדער שמחה ביי די באַלעבאַטים. איר זאָל דער הער אָווסעי מיטאַמאָל אָפּזאָגן פון פּאָסטן? און די אָווסעיעכע וועל-כע די קאָסירשע האָט אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אירס אַ חברטע זאָל מיטאַמאָל איר זאָגן:

— „לײדער פרײלין רעגינע. איך קען מיך אין דעם נישט מישן".

— נײן פּאַניע אָווסעי — האָט זי אים געפּרוּווט שמײכלען אין פּנים אַרײַן — איר מוזט װעלן מיר מאַכן עפּעס אַ שפּאַס.

— נײן פרײלין. דאָס זענען צו־ערנסטע זאַכן, אַז איך זאָל שפּאַסן.

— איך קאָן דאָס נישט גלויבן.

— מוזט איר זיך צוגעוױינען צו גלויבן אין דעם. איבעריקנס, אַז איר װעט אַוועק פון אונז װעט זיך אײַך אפשר טרעפן גיכער אַ שידוך און איר װעט ענדלעך חתונה־האָבן און װערן פאַר זיך אַלײן אַ באַלעבאָסטע.

— אָבער זאָגט אַז איר שפּאַסט.

דאָ האָט זיך שוין דער הער אָווסעי אַ הויב געטון מיט כעס:

— פאַרדרײט מיר נישט מער דעם קאָפּ מיט אײַערע נאַרישע קאָקעטישע מינעס. די זאַך איז געענדיקט.

און אַז די קאַסירשע איז נאָך דערנאָך געוואָר געוואָרן, אַז דער הער אָווסעי האָט איר שוין אויך פאַרגליכן צו אַ וואַנץ און צו נאָך עפּעס ערגערס וואָס זוכט נאָר אַ שפּאַרע ווו זיך אַרײַנצוקריגן, האָט זי צוזאַמען מיט שליוואַיקן גענומען צושטײַן צום „עולם, אַז מ'זאָל זען עפּעס טון. מ'האָט זײ טאַקע באַדויערט. אָבער אינדערהמתן איז יעדער געווען צופרידן וואָס מ'ווערט פּטור פון די צווײ דיסקאָנטערן און יעדער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר נישט געוואָלט דעמאָלט ווען אַלע האָבן געוואָלט?

## 56

# ווי זעט אויס פליג?

אַ סברה, אַז דער גאַנצער קנאַקער, ס׳הייסט דער פּראָקורענט פליג, וועט שוין אויך לאַנג נישט זיצן אויפן בענקל. סימנים דערויף זענען פאַראַן גאָר אַ סך. ערשטנס, האָט דער הער אָווסעי אויפגעהערט צו לאַכן פון פליגס וויצן. צווייטנס לאָזט ער זיך שוין נישט פון פליגן אָפּפּוצן בעת ער י אַריין פון דרויסן מיט אַ פאַרבלאָטיקטן פּאַלטן אָדער ז. דריטנס — האָט ער פליגן אויפגעהערט מיטצונעמען יעדע וואָך אין באָד אַריין. און פריייטיק פאַרבעט ער שוין נישט פליגן צו זיך אויף אַ „קליין מיטאָגל“. דער רעכטער עיקר איז אָבער דאָס וואָס אויך פליג האָט שוין געמוזט אָנהייבן נוצן אַ ביכעלע כדי צו פאַרשרייבן דאָרט די פּענסיע וועלכע ער באַקומט נישט.

פונדעסטוועגן פּרווט זיך נאָך פליג צו האַלטן אין דער פריערדיקער מערכה. דער קאָרק ביי אים איז רויט און שטייף און דאָס פּנים לאַכט זאָרגלאָז. און אַז עס קומט דאָנערשטיק ביינאַכט נעמט ער רייבן אַ האַנט אין אַ האַנט, גייט אַריין אַ שמייכלענדיקער צום הער אָווסעי אין קאַבינעט און זאָגט כלומרשט אין אַ געלעכטער:

— נו פּאַניע אָווסעי. גיט מיר מלאכה־געלט. איך בין דאָך נישט קיין ערגערער „פּראָלעטאַריער“ ווי הערשל.

דער הער אָווסעי קוקט זיך צומאָל נישט אום אויף אים. שטאַרק פאַרטון חשבונט ער עפּעס אין אַ בוך און ענטפערט אים גלייכגילטיק:

— וואָס דאַרפט איר מיר רעדן געלט? איר נעמט זיך דאָך שטענדיק אַליין.

— אַז ס׳איז דאָ פון וואָס פּאַניע אָווסעי, כע, כע! איר ווייסט דאָך די מעשה, אַז פון שניי...

— נו מילא. וועט איר נעמען מאָרגן, איבערמאָרגן — ענטפערט דער הער אָווסעי ווידער גלייכגילטיק.

— אָבער פון וואָס ? פון ליידיקן ?

דאָ גיט שוין דער הער אָווסעי אַ מאַך אַ זויערע מינע. און נעמט רודערן מיט אַ האַנט:

— פאַניע פליג, כ'בעט אייך. שטערט מיר איצט נישט. כ'האָב דאָ אַ פאַרפלאָנטערטן עסק.

פליג גייט אַרויס פון קאַבינעט מיט אַ פאַרביטערט אויסזען און אַ פאַרזאָרגטער זעצט ער זיך שטיל אַוועק אויף זיין אָרט.

דעם הער אָווסעי ווידער טוט אַ הנאה די גאַנצע מעשה. די קאַסע האָט ער ביי פליגן שוין לאַנג צוגענומען. קיין געלט גיט ער אים נישט. אָפּזאָגן אים אויפן זעלבן אופן ווי אַלע איז אים עפּעס אַ ביסל פריקרע. פאָרט אַ מענטש וואָס האָט אים אַזויפיל צוגעדינט. די גלייכסטע זאַך, טראַכט זיך דער הער אָווסעי, מאַכן אַזוי, אַז פליגן זאָל אַליין פאַרמיאוסט ווערן און ער זאָל אַליין אַנטלויפן. און דערצו רעדט ער זיך נאָך אויס פאַר פאַרשידענע מענטשן וויסנדיק, אַז זיי וועלן דאָס גלייך איבערגעבן פליגן.

— איר פאַרשטייט — טענהט זיך אויס דער הער אָוו־סעי — אַזאַ פליג איז דאָך אַ גאָלדענער „מענטש" אין אַ גע־שעפט. אָבער היינט איז ער פאַר מיר איבעריק און אַ צו־טייע־רער ביסן. די בענק מיט די פלערליי פראָטעקציעס ביי די דירעקטאָרן האָט שוין היינט ביי מיר אויפגעהערט. דאָס גע־שעפט גייט וואָס אַמאָל מער אַראָפּ. נו, קען איך מיר פאַרגינען צו האַלטן אַזאַ „מענטש" וואָס האָט ליב צו שפּילן אויף פערד־לעך און מוז טראָגן נאָר זיידענע שקאַרפּעטן ? נו, בין איך גערעכט ? האַ ?

## 57

## די באַלעבאַטים בייסן זיך

איין גליק וואָס די באַלעבאַטים האָבן זיך גענומען אַ ביסל אַרומרייסן צווישן זיך, האָבן די „מענטשן" דערוויילַ אַ קאַ־

פעטשקע מנוחה. זאָגן אַקוראַט וועד מיט ווּעמען עס רייסט זיך אַרום איז שווער, ווייל רב מנשהקע איז זייער אַ בייגעוודיקער און האָלט אַמאָל מיט רב נאָסקען און אַמאָל מיטן הער אָווסעי. דער עיקר אָבער, זענען אַלע אין כעס אויף דעם הער אָווסעי ווייל ער האָט זיך גוט באַוואָרנט מיט הייזער און מיט שפּייכלערס און קאָן זיך היינט פאַרגינען צו האָבן צוויי קעשענעס — אַ רייכע און אַן אָרעמע. די רייכע קעשענע האַלט ער פאַר זיין גרויסאַרטיקער דירה און פאַר זיין גרויסאַרטיקער ווירטשאַפט און די אָרעמע קעשענע האַלט ער אין איין באַווייזן די שותפים און שלעפּט נאָך דערצו אַרויס פון געשעפט וויפל לאָזט זיך.

רב נאָסקע זאָגט, אַז דער ערגסטער באַלשעוויק איז גאָלד אַקעגן אָווסעיען. ער באַדויערט שוין גאָר וואָס ער איז געקומען צו לויפן פון יעקאַטערינאָסלאַוו. ער וואָלט זיך אָפּגעמוטשעט, זאָגט ער, עטלעכע יאָר, דערפאַר אָבער וואָלט ער פאַרשפּאָרט האָבן צו טון מיט אַזאַ מערזאַווען.

— טאָ פאַרוואָס זאָגסטו דאָס אים נישט? — טוט רב מנשהקע אַ צוואָרף ביידע הענט.

— חכם איינער. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ברוגז מיט אים. איך וואָלט זיך פאַר אים געשעמט! דו אָבער דאַרפסט אויך נישט שווייגן.

— וואָס טוסטו מיך נאָך אָנרייצן ווי אַ הונט? — פרעגט רב מנשהקע מיט כעס — נאָך קנאַפּ צרות האָב איך?

— נו זאָג — ווערט רב נאָסקע נישט מיד צו טאָטשען — וואָס שטעלט זיך דיר אָפּ נאָך דרייסיק יאָר האָרעווען? די מיסט פון הויז וועט ער דיר געבן?

בכדי נישט צו פּלאַצן אויפן אָרט לויפט רב מנשהקע בעסער אינגאַנצן אַרויס פון דער קראָם. סײַווי ווייסט רב מנשהקע, אַז לאַנג וועט ער שוין נישט אָנטרייבן. אין שטוב ביי זיך מאַכט מען פון אים ס׳גענאַר. מ׳האַלט אים אין איין דערמאָנען, אַז „אַ הויז האָסטו געקענט אויפבויען און חתונה-מאַכן די מיידלעך וואָרסטו אויף גאָט״. נאָך קנאַפּ די

„ווערטלעך" זענען אַלע אין שטוב מיט אים ברוגז, אַפילו דאָס ווייב, און ער דרייט זיך אַרום ווי אַ פאַרגעסענע אומניטיקע זאַך.

— און אַז איך האָב יאָ חתונה־געמאַכט די קינדער אין דער גוטער צייט? — פרעגט אים רב נאָסקע — נו, שיקט דען נישט הערמאַן אַהיים דאָס ווייב אויף עטלעכע חדשים צו אירע עלטערן, ווייל ער קען איר דאָ נישט געבן קיין חיונה?

רעכט לעבעדיק אָבער איז געווען אַנומלטן ווען רב נאָסקע און אָווסעי האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן זייער ברוגז און אײַבעראַנייס גענומען זיך אַריינזאָגן דאָס ערגסטע פון דער קאָרט. נישט קענענדיק זיך אַן עצה געבן מיט אַלע דריי מיט גוטן האָט דער הער אָווסעי אַנגעדרייט זיינע נערוון און גענומען וואַרפן אין דער ערד אַלערליי סחורות וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער דער האַנט. רב נאָסקע איז בעת־מעשה געשטאַנען ווי אַ קאַלטער גזלן און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „זעט נאָר זעט, ווי ער מאַכט זיך משוגע!" רב מנשהקע, איינגאַנצן אַ צעשרויפטער, איז לכתחילה אַרויסגעלאָפן פון דער קראָם און צוגעווינטשן, אַזביידע מעגן זיך דערהרגענען. הערמאַן איז געשטאַנען אינדערמיט, געוואָלט איינהאַלטן אָווסעיען כּדי אָפּצוהיטן דעם פאָטער. רב נאָסקע האָט זיך אָבער אַלץ געריסן ווי אַ בייזער קאָזשאַל און ראַפּטום אַראָפּגעכאַפּט פון פוס אַ קאַמאַש און געוויזן אָווסעיען די צעלעכערטע זוילן:

— זעסט סוואָלאָטש! זעסט וואָס איך האָב פון געשעפט!

דערויף האָט אים דער הער אָווסעי געענטפערט, אַז אַזעלכע לעכער ווי אין די זוילן מעג ער אויך האָבן אין קאָפּ.

הערמאַן זעענדיק, אַז זיינע טרערן פועלן נישט און אַז ער וועט ביידע נישט צעררייסן, האָט זיך מישב געווען און גאָר גענומען חלשן און טאַקע באַלד אַוועקפאַלן אויף אַ באַרג סחורה מיט אַ ווייס פנים ווי אַ נישט־דערבאַקענע בולקע.

דער הער אָווסעי מיט רב נאָסקען האָבן אָבער נאָך נישט געהאַט אַלץ אויסגעלאָדנט פון זיך. איצט האָבן זיי שוין געהאַלטן ביי משפחה־זאַכן. ביידע האָבן זיך געפרעגט, ווער עס האָט געוואָלט ירשהנען דעם טאַטן ביים לעבן און צוליב וועמען אייגנט־

לעך איז דער טאַטע געשטאָרבן. דער העד אָווסעי האָט געשריגן, אַז ער, נאָר ער, האָט רב נאָסקען געמאַכט פאַר אַ מענטש. און רב נאָסקע האָט געשריגן פאַרקערט, אַז ער, אָווסעי, האָט אים געמאַכט פאַר אויס־מענטש און אַז בסך־הכל האָט ער אים אין „ערגעץ־אַנדערש". מ׳האָט זיך געוואָרפן מיט קללות ווי מיט געלט אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. און בעת רב נאָסקע האָט, זונעמענדיק זיך גאָט פאַר אַן עדות, אים צוגעווינטשן, אַז ער וועט בשום־אופן נישט דערלעבן חתונה צו מאַכן זיינע קינדער — איז דער העד אָווסעי געוואָרן ווילד. אַ ווײַלע איז ער שטאַנען צעתמט, דערנאָך גענומען האַקן און בראָקן און געשריגן, אַז איצט־אָ מאַכט ער שוין מיט זיך אַ סוף; איצט־גייט ער שוין אַרויף אויפן פינפטן שטאָק און וואַרפט זיך אַראָפּ.

— אַדרבה סוואָלאָטש! גיי און וואַרף זיך! — האָט רב נאָסקע געכריפעט.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער העד אָווסעי נעמט שוין טאַקע אַרויסלויפן כדי זיך אַראָפּצוּוואַרפן. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך מישב־געווען, ווייזט אויס חרטה געקריגן און איבעראַ־נייס גענומען שרייען:

— ניין! איך וועל זיך נישט וואַרפן! וואַרף דו זיך בע־סער! דו האָסט שוין חתונה געמאַכט דיינע קינדער פאַר מיין געלט! און איך האָב נאָך קליינע קינדער! גיי וואַרף דו זיך!

## 58

## די „מענטשן" ווערן „רייבער"

פונדעסטוועגן איז זיך רב נאָסקע ווייטער באַלעבאָס. און הגם מיט אָווסעיען איז ער ברוגז געפינט ער אָבער צו אים לייכט אַ וועג — דורך הערמאַנען אָדער רב מנשהקען — בעת ער דאַרף אים לאָזן וויסן, אַז מ׳קען זיך, וועדליג אים, ווייטער באַגיין אָן דעם אָדער אָן יענעם „מענטשל".

דאַכט זיך, אַז מער ווי אַ העלפט פון פערסאָנאַל איז שוין

אַוועק און די באַלעבאַטים האָבן נאָך אַלץ גרויסע אויגן. אַז מ׳זאָל אַ שטייגער נעמען ציילן אויף ביידע הענט די „מענטשן" וואָס זענען ענדלעך איבערגעבליבן וועט נאָך בלייבן אַ רעשט עטלעכע פינגער. אין קראָם זענען סך-הכל געבליבן דריי מענטשן: דער עלטערער פּאַקער, דער סאָכאַטשעווער און הערשל-טורקע-סטאַנער. דער קאָנטאָר מיט הער אָווסעיס קאַבינעט איז שוין לאַנג ליקווידירט און די קאָרעספּאָנדענטין מיטן בוכהאַלטער פירן די ביכער אין אַ זייטיק צימערל אין הער אָווסעיס דירה. אַחוץ די פינף זענען נאָך געבליבן די צוויי וואָיאַזשאָרן: ברעגמאַן און שאול וועלכע הייבן נישט אָן צו וויסן אויף סאַראַ וועלט זיי געפינען זיך. פאָרן אויף דער רייזע — האָבן זיי שוין באַלד פאַרגעסן ווי אַזאַ זאַך זעט אויס. ווייל אייַנצוקאַסירן איז שוין נישטאָ וואָס. און ווידער אויף לייזן געלט, זאָגט דער הער אָווסעי, אַז ס׳איז אַ שאָד די הוצאות. און הלוואַי, זאָגט ער, וואָלט ער גאָר קיינמאָל נישט אַרייַנגעלאָזט זיך מיט די וואָיאַזשאָרן וואָלט דאָס געשעפט גאָר געהאַט אַן אַנדער פּנים. פונדעסטוועגן קען ער זיך אָן די וואָיאַזשאָרן נישט באַגיין און ער געפינט שוין אויס פאַרשידענע לעכער, ווו זיי אַרייַנצושטופּן.

ווי עס ווייזט אויס וועלן שוין איצט מער קיין רעדוקציעס נישט זיין. די „בריוו" האָט שוין די פירמע אויפגעהערט צו שיקן ווייל די איבערגעבליבענע עטלעכע „מענטשן" זענען פאַרן געשעפט נויטיק ביז גאָר. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז קיין פּענסיע צאָלט מען ווייטער נישט און די איבערגעבליבענע זענען אָפּט מקנא די אַוועקגעגאַנגענע, וועלכע האָבן זיך טאַקע געגווג אָנגעליטן, אָבער סוף-כל-סוף ווי עס איז זיך איבעראַנייס איינגעאָרדנט. וואָס קומט אַרויס, טענהן די „מענטשן", פון אַזאַ אַרבעט און פון אַזאַ פּאָסטן, אַז עס גייען אַוועק וואָכן און די באַלעבאַטים גיבן צומאָל נישט דאָס וואַסער אויף דער קאַשע. און גאָר אָפט מאַכט זיך, אַז וועגן געלט איז גאָרנישטאָ מיט וועמען צו רעדן. אַזוי אויף צו ראָזקאַזעווען ביי דער אַרבעט זענען זיי אַלע באַלעבאַטים. און ווי עס קומט צו פּענסיע גיט

זיך דער הער אָווסעי אַ זאָג אָפּ, אַז ער האָט באַשלאָסן מער זיך נישט צו מישן אין די זאַכן. זינט דער קריגעריי מיט זיינע שותּפים, זאָגט ער, האָט ער אַזוי באַשלאָסן. די איבעריקע באַלעבאַטים ווידער טענהן:

— אדרבה. גייט צו אָווסעיען. ער האָט דאָך געשריגן, אַז נאָר ער איינער איז דאָ באַלעבאָס. פונוואַנען האָבן מיר געלט, אַז ער נעמט אַלץ צו. וואָס ווילט איר פון אונז? ער האָט אייך צוגענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אייך שטענדיק געצאָלט. זאָל ער ווייטער צאָלן. זאָל ער. פונוואַנען האָבן מיר?

אַזוי חזרט זיך איבער וואָך ביי וואָך. אַן אמתע „קאַמער-קאַמער-טיר". און דער סוף בלייבט, אַז יעדער „מענטש" ווערט רייכער מיט אַ וואָך פענסיע אין דער בוכאַלטעריע.

## 59

## דער פּאַריין

אפנים, אַז איצט וועלן זיך שוין די „מענטשן" עפּעס אַ ריר טון. ווייל יעדער איינער זאָגט שוין:

— אַז פאַרלירן איז נישטאָ וואָס. און ערגער ווי ס'איז קען שוין נישט זיין.

דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל איז שוין אויך געווען אין פּאַריין, וואָס איז גרויס ווי אַ גאַנצע גאַס און איז הויך, ווי פון דער ערד ביזן הימל. מען האָט שוין אַפילו געהאַט אַ באַראַטונג מיטן סעקרעטאַר פון פּאַריין. יעדער איינער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. יעדער איינער איז גרייט אויף אַלץ. ווען עס זאָל אַפילו קומען צו אַ שטרייק.

— אָבער אַ שטרייק, חברים — זאָגט דער סעקרעטאַר — דאָס זאָלט איר וויסן זיין איז אונזער לעצט מיטל און דערפאַר דאָס שאַרפסטע מיטל. אַ שטרייק, דאָס איז אַ שלאַכט, ווו מען ווערט צעשמעטערט, אָדער מען זיגט. דעריבער מוז מען גוט באַטראַכטן דעם ענין און דערנאָך זיין דעצידירט אויף אַלץ.

ווייזט זיך מיטאמאָל אַרויס, אַז נישט אַלע זענען שוין דעצידירט אויף אַלץ. שאול דהיינו קאָן גאָרנישט מושווה ווערן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט ווערן אַ שטרייקער. ער, אַזאַ באַלעבאַטישער ייד, אַ געוועזענער סוחר, וועלכער גייט נאָך יום-טוב אין שול אַריין אין גלאַנציקן חתונה-צילינדער. ער וואָלט זייער וועלן, אַז דער פאַריין זאָל זיך נאָך דערוויייל איגנאָרירן נישט מישן, און אַז דאָס פערסאָנאַל זאָל נאָך פריער אָנשרייבן אַ בקשה-בריוו צו די באַלעבאַטים און אַלע מענטשן זאָלן זיך אונטערשרייבן. פונדעסטוועגן, זאָגט ער, כאַפּט עס דער רוח, און ער וועט מיטהאַלטן מיט אַלע.

דער סאָכאַטשעווער ווידער איז גאָר צעטומלט. אויב ס׳וועט קומען צו אַ שטרייק וואָלט ער ליבערשט וועלן פריער איינזינקען. שיין וועט ער אויסזען, אַז דער הער אָווסעי וועט אָנשרייבן אַ בריוול צו זיין מוטער פּיטשע, „אַז דיין זון איז געוואָרן אַ שטרייקער״. טרערן שטיקן אים אַזש אין האַלז. פונדעסטוועגן, זאָגט ער, איז קיין אַנדער עצה נישטאָ. ער בעט נאָר, אַז איבער דער צייט פון שטרייק זאָל ער זיך נישט דאַרפן זען מיט די באַלעבאַטים.

— הייסט עס, אַז מיר טרעטן-צו צו דער אַקציע — זאָגט דער סעקרעטאַר — געדענקט אָבער, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פון אייער פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. און דער עיקר: נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן און אַריינאַרן.

## 60

## די דעלעגאַציע

זייער טשעקאַווע ווי אַזוי עס וועט אויסזען ווען די דעלעגאַציע פון פאַריין וועט אַריינקומען צום הער אָווסעי. אַלע וואַרטן אויף דער מינוט מיט מורא, מיט ציטערניש און מיט אומגעדולד צוגלייך. יעדער איינער וואָלט דעם טאָג געוואָלט קראַנק זיין, קריגן כאָטשבי בויכווייטיק, כדי נישט צו דאַרפן

קומען אין קראָם אַריין. פון דער אַנדערער זייט אָבער ווילט זיך קיינעם נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט צו זען ווי אַזוי די דעלעגאַטן וועלן אַ שמועס-טון מיטן הער אָווסעי — מיט־אָ־דעם זעלביקן הער אָווסעי וועלכער פלעגט נישט איינמאָל זיך באַרימען, אַז זיין שוועל טאָרן פאַריינס-מענטשן נישט באַטרעטן און וועלן נישט באַטרעטן.

און אָט האָט מען זיך דערוואַרט.

אין אַ נאָכמיטאָג-שעה זענען אַריינגעקומען דער סעקרעטאַר מיט נאָך איינעם. זיי האָבן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו די „מענטשן” וועלכע זענען ראַפּטום געוואָרן ווייס ווי קאַלך און אין ציטערניש געפּילט ווי אונטער דער בוזים־קעשענע צאַפּלט עפּעס דערשראָקנס. זיך פרעגנדיק צום הער אָווסעי איז ער זיך גלייך אַנטקעגנגעגאַנגען און מיינענדיק, אַפּנים, אַז דאָס זענען אויך בעל־חובות האָט ער שיער נישט אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער, וועלכע ער חזרט איבער אַ מאָל הונדערט אַ טאָג.

— „איר וועט אַזוי גוט זיין קומען מאָרגן. היינט האָב איך נישט קיין געלט”.

— איר זענט דער הער אָווסעי פלינט? — פרעגט דער סעקרעטאַר — מיר זענען אַ דעלעגאַציע פון פאַריין און דאַרפן זיך מיט אייך אַדורכשמועסן וועגן אייערע אָנגעשטעלטע.

— הם -- גיט דער הער אָווסעי אַ לאַנגן צי דעם אָטעם און קוקט אַ היפּשע ווײַלע פאַרבליפט אַמאָל אויף די „מענטשן” און אַמאָל אויף דער דעלעגאַציע.

דערנאָך גייען זיי אַריין אין קאָנטאָרל וואָס הינטערן גלעזערנעם ווענטל און עס הויבט זיך אָן דער שמועס:

— ווער אייגנטלעך — הויבט אָן דער הער אָווסעי — האָט אייך געשיקט צו אונז? איר האָט עפּעס אַ בריוו, אַ באַפולמעכטיקונג?

— ניין. מיר האָבן קיין שום בריוו. מיט אַזעלכע פראַגן, הער פלינט, פטרט איר בלויז צייט. מיר קומען אין נאָמען פון פאַריין און אין נאָמען פון אייערע אָנגעשטעלטע.

— אַזוי — נעמט זיך דער הער אָווסעי שפּילן מיט די

פאַרפלאָכטענע פינגער אויפן בויך און שמייכלט מיט אַזאַ שמייכל, וואָס ס'איז אים פונדעסטוועגן גאָרנישט מקנא צו זיין — זענט איר, הייסט עס, פון יענע חברה-לייט. נו, אויב אַזוי, מוז איך אייך זאָגן, אַז איר האָט זיך אויסגעקליבן אַ שלעכט אָרט. נישקשה. איך געדענק נאָך אייער חברה פון רוסלאַנד, פון מאָסקווע. דאָרט אָבער האָבן זיי געהאַט ביי וועממען צו נעמען. פּאָניע איז געווען רייך. איר אָבער קומט דאָ אַריין אין אַ חרוב געשעפט. איך האָב שוין געהערט פון אייך. איר זענט גאַנץ ווילדע יונגעלייט. נאָר איר זענט צו-שאַרף. איז אפשר טאַקע גלייכער אויסמיידן די מעגלעכע אומאָנגענעמלעכקייטן — איך בין זייער נערוועאיש — און שיקט אונז צו אַן אַנדערן פאַריין. ווי הייסט ער דער פאַריין, מנשהקע? — ווענדעט ער זיך צום ברודער — יאָ, דעם „סאָציאַליסטישן" פאַריין. זיי האָב'ך געהערט, זענען מענטשן, וואָס גייען אויך אַריין אין דער לאַגע פון רואינירטן סוחר. זיי זענען גלאַט פיינע לייט. איך האָב זאָגאַר אַ פּאָר פריינט צווישן זיי. אמת-ווילע, האָך-געאַכטעטע מענטשן.

די אַלע מעשיות — ענטפערט דער סעקרעטאַר — אינטערעסירן אונז נישט. און אויב איר ווילט נישט מיט אונז רעדן— דאַן וועלן מיר געפינען מיטלען ווי-אַזוי איר זאָלט יאָ רעדן מיט אונז.

— אַ, מאַכט דער הער אָווסעי כלומרשט גוטמוטיק — אָנשטאָט מיר נעמט איר זיך גאָר בייזערן. לאָמיר קודם הערן, וואָס ווילט איר?

— אָט אַזוי פאַרשטייען מיר — זאָגט דער סעקרעטאַר — דאָס הייסט צום ענין. מיר ווילן דריי זאַכן: ערשטנס, פון היינט אָן זאָלט איר רעגולער אויסצאָלן די אָנגעשטעלטע די די פּענסיע. צווייטנס: תיכף אויסצאָלן די פאַרלעגענע פּענסיעס, וועלכע דערגרייכט דאָך ביי אייך, ווי אין קיין שום געשעפט, אין די שווערע טויזנטער. און אין דער זעלבער צייט דראָט די אָנגעשטעלטע עקסמיסיעס און אַנדערע צרות און זיי האָבן נישט אויף דעם נויטיקסטן; דריטנס: באַצאָלטע אורלויבן, ווי דאָס געזעץ זעט-פאָר.

— בקיצור — זאָגט דער הער אָווסעי מיט אַ הפקרדיק חוזק־שמייכעלע — צאָלן און צאָלן און ווידער צאָלן. אָבער פון וואָס, מיינע הערן? איר זעט — ווייזט ער אָן אויף די האַלב־ליידיקע פּאָליצעס — די קרעמער האָבן אונז צעראַבירט דאָס געשעפט. ביי אונז האָט אַ „מענטש" קיינמאָל גאָרנישט געפעלט. אַדרבא, פרעגט זיי. און היינט האָבן מיר נישט. פאַרפאַלן.

— דאָס איז פאַר אונז נישט קיין ענטפער — זאָגט דער סעקרעטאַר — מיט אַ געשעפט שטייט איר, מענטשן צו דער אַרבעט האַלט איר? מוזט איר זיי צאָלן.

— און אַז איך האָב נישט? — גיט זיך דער הער אָוו־סעי ראַפּטום אַ כאַפּ. אַז ער צערעמאָניעט זיך שוין צו־לאַנג און ווערט פייער־רויט — און אַז איך האָב נישט? אַדרבה זאָגט פּאַנאָוויע — ווענדעט ער זיך צו די „מענטשן", וועלכע שטייען אין דער מינוט הילפלאָז און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, גלייך מ׳וואָלט זיי אויסגעטון נאַקעט — אַדרבה, זאָגט! איך צאָל נישט, ווייל איך וויל נישט, צי ווייל איך האָב נישט?!

קיינער ענטפערט נישט. און דער הער אָווסעי פאַרשרייט שוין זיך אַליין:

— נו, זאָגט! איר האָט דאָך מיר געשיקט דעם פאַריין!

— מאַנכעס מאָל האָט איר טאַקע נישט. — ענטפערט ווער פון די „מענטשן" — אין גרעסטן טייל אָבער ווילט איר נישט צאָלן.

— און אָט דאָס זאָגט אַ „מענטש" — שאָקלט דער הער אָווסעי מיטן קאָפּ און דאָס קול ביי אים הויבט שוין אָן צו כריפּען — אַ „מענטש", וואָס האָט ביי מיר געהאַט אַזויפיל גוטע, זאַטע יאָרן. שעמט אייך!

און צו דער דעלעגאַציע רעדט ער שוין אַ ביסל רויקער:

— אַלזאָ, מיינע הערן. איך האָב אייך זייער גוט פאַר־שטאַנען. נאָר ליידער, איך האָב נישט. מיר זענען היינט אָרע־מעלייט. און ווען אונזערע „מענטשן" זאָלן ווירקלעך פאַרמאָגן אין זיך אַ ביסל יושר, וואָלטן זיי אַליין אַוועק און אונז גע־

לאָזט צו־רו. נאָר מיר זענען צו־איידל טיילן מיר זיך מיט זיי מיטן ביסן.

— אָבער וואָס ענטפערט איר אונז, הער פלינט, אויף אונזערע פאָדערונגען?

— איך קאָן אייך גאָרנישט ענטפערן. קיין געלט האָבן מיר נישט. און איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל: אַ בר־מינן האָט פּאַר גאָרנישט נישט מורא.

— אָבער ווי קומט דאָס — זאָגט דער סעקרעטאַר — אַז אַ בר־מינן זאָל זיך האָבן אַ פּיר־שטאָקיק הויז? און אַ הויז האָט איר דאָך, הער פלינט. און אַ ביסל צירונג מסתמא אויך.

דאָס האָט שוין דעם הער אָווסעי אַ נעם־געטון ביי דער זיבעטער ריפּ.

— נו, און אַז איך האָב! זאָל איך זיך טיילן מיט אייך? יאָ! איר ווילט אַזוי? מאָסקווע?

— איך ווייס — ענטפערט דער סעקרעטאַר רואיק — אַז איר וועט זיך נישט טיילן מיט אונז. אָבער דאָס הויז האָט איר דאָך אָפּגעשפּאָרט אין דער גוטער צייט, פון אייערע מענטשנס אַרבעט. טאָ נעמט איצט פון דאָרטן און באַצאָלט זיי.

דאָ איז שוין דער הער אָווסעי אינגאַנצן אַרויס פון די כלים און מיט שוים אויף די ליפּן גענומען שרייען צום ברודער:

— מנשהקע, דו הערסט! ס׳מלבוש זאָל איך זיי אַוועקגעבן! ס׳בעטגעוואַנט אפשר אויך! וואָסי דאָ? באָלשעוויקעס? יונגעלייט, איך האָב מער מיט אייך נישט וואָס צו רעדן!

— מיר אָבער מוזן האָבן אַ קאָנקרעטן ענטפער!

— גייט! — האָט דער הער אָווסעי געדונערט און זיך גענומען רוקן נענטער ווי זיך צו וואַרפן אויף זיי. אים צו־הילף האָט זיך אויך באַלד געשטעלט רב מנשהקע און אַפילו דער ברוגזער רב נאָסקע, וועלכן די גאַנצע מעשה האָט לכתחילה אַ הנאה געטון, בעת זיי האָבן אַריינגעזאָגט אָווסעיען.

— וואָס! — איז דער סעקרעטאַר אַ ווײַלע געבליבן צעטומלט — איר גייט זיך כאַפּן שלאָגן?

— גייט! גייט! וואָן פון דאַנען! — האָט דער הער

אָוּוסעי געגומען מאַכן זיינע משוגענע אָנשטעלן — וואָן! באַל-שעוויקעס! מיינע קינדער ווילן זיי מיר צונעמען! שלאָגט זיי! ארויס פון מיין געשעפט! אַלע „מענטשן״ אַרויס! — האָט ער אויך געשריגן צו די אָנגעשטעלטע וועלכע האָבן זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט — אַרויס! איך דאַרף נישט קיינעם אַזוי צאָלט מען מיר אָפּ פאַר מיין גוטס! אַרויס! שלאָג זיי, מנשהקע, שלאָג!

אין דער אַמפּעריי צווישן דער דעלעגאַציע און די באַ-לעבאַטים האָט דערווייל געגומען פּלאַצן די גלעזערנע וואַנט פון קאַנטאָרל. איצט זענען שוין די געוואַלטן געוואָרן גאָר גרויס און איגדרויסן איז געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף.

— פּאָליציי! פּאָליציי! — האָבן געשריגן די באַלעבאַ-טים — ברענג פּאָליציי!

צעשויבערטע און צעקנייטשטע מיט פאַרבלוטיקטע הענט פון געפּלאַצטן גלאָז האָט זיך די דעלעגאַציע אַרויסגעריסן פון דער קראָם. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי ווידער אַריינגעקומען און געזאָגט צו די „מענטשן״:

— חברים, קומט! מיר דערקלערן אַ שטרייק!

אַלע „מענטשן״ האָבן זיך גיך אָנגעטון און פאַרלאָזט דאָס געשעפט.

## 61

## שטרייק

ס'איז ערשט דער צווייטער טאָג און אַלע ווייסן שוין, אַז אין געשעפט ביי דער „פירמע פלינט״ איז אַ שטרייק. טרעגער און פורמאַנעס האַלטן אויך מיט. אַז זיי הערן דאָס אָרט ווו זיי דאַרפן אָוועקטראָגן אָדער צופירן סחורות, ענטפערן זיי מיט גרויס הנאה:

— „נישקשה פאַניע. איר מעגט זיך אַמאָל אַליין פאַרגי-נען דעם טעם פון טראָגן אַ קאַסטן סחורה״. אַפילו דאָס הפקר-

ייגגל מיט דעם טויטן פנים וועלכער דרייט זיך שטענדיק אַרום די ק־אָמען זשעדנע נאָך אַ פֿאַרדינסטל ענטפֿערט גאַווהדיק די באַלעבאַטים:

— און ווען איר גיט מיר הונדערט גילדן פֿאַר אַוועק־פֿירן דאָס פּעקל? איר ווייסט נישט וואָס עס הייסט אַ שטרייק?

דאָס פּערסאָנאַל גייט טאָקע אַרום ליידיק, נאָר אַרבעט פֿעלט נישט. יעדער איז אַוועקגעשטעלט אויף זיין ריכטיק אָרט. צוויי פֿאַרנעמען זיך מיט שאַפֿן אַ ביסל געלט, ווייל כמעט אַלע שטרייקנדיקע האָבן באַלד נישט געהאַט אויפֿן ערשטן מיטאָג. צוויי שטייען פֿאַר דער קראָם און היטן אָפּ פֿאַר שטרייקברעכעריי. די איבעריקע רוען דערווייל אין גאָרטן וואָס איז נישט ווייט פֿון דער קראָם. נאָר איין סאָכאַטשעווער טוט גאָרנישט. ער גייט אַרום אין איין קלעמעניש און טראַכט כּסדר וועגן דעם, צי די קרובים זיינע, די באַלעבאַטים, האָבן שוין אַוועקגעשריבן אַ בריוול צו זיין מוטער, אַז איר זון איז אַ שטרייקער. ער ווייסט און זאָגט דעם סאָכאַטשעווער, אַז גערעכט איז ער און אַלע „מענטשן”. ביים בלויזן געדאַנק אָבער, אַז זיין מוטער וועט האָבן עגמת־נפֿש נעמען אים אַזש שטיקן טרערן. און טאָמער הייסט מען אים זיך אַוועקשטעלן ביים קראָם און אָפּהיטן אַזוי ווי אַלע איבעריקע, וויל ער בעסער מ׳זאָל אים הייסן אַרויפֿגיין אויפֿן פֿערטן שטאָק און זיך אַראָפּוואַרפֿן.

ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן זעט הערשל ווי אַזוי די באַלעבאַטים מוזן טון זיין אַרבעט. זיי שלעפּן אַליין פּעק און קאַטשען קאַסטנס, ווערן אָבער נאָך יעדע פֿאָר טריט מיד אוןווישן זיך ס׳פּנים מיט ריינע טיכעלעך. און פּונקט ווי זיי צו אים, האָט איצט אויך הערשל חשק אויסצושרייען צו זיי:

— „גו פֿערדלעך! גיכער אַ ביסל!”

אַלע זין און טעכטער פֿון די באַלעבאַטים האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. ס׳ווייזט אָבער אויס, אַז זיי זענען קנאַפּע אויפֿטוער. ווייל יעדע פּאָר מינוט קומט אַרויס אייגער פֿון די באַלעבאַטים און בעט זיך ביי די „מענטשן”:

— זאָגט מיר כאָטש אַווו עס ליגט דער מין? און וויפֿל

טוען דאַרף נאָך זיין? אַ וואָרט זאָגן לאָזט אייך דער פּאַריין אויך נישט?

איין ענטפער:

— שטרייק.

עס גייט אַקוראַט אַזוי ווי מ׳האָט פּאָראויסגעזען. די באַ־לעבאַטים טוען אַלץ, כּדי צו צעברעכן די אַחדות ביים פּערסאָ־נאַל. זיי שיקן אונטער זייטיקע מענטשן, סוחרים, מיט פאַרשי־דענע צוזאָגן. זיי אַליין, די באַלעבאַטים, פּרוּוון איינטענהן מיט יעדן באַזונדער. יעדן זאָגן זיי צו בערג מיט גליקן. זיי האַלטן נאָר נישט פון דעם אַנדערן, ס׳הייסט פון דעם מיט וועלכן זיי רעדן איצט נישט. און צו דעם אַנדערן טענהן זיי פּונקט פאַר־קערט. און דער עיקר מיינען זיי נאָר צו זאָגן:

— וואָס טויג אייך דער פּאַריין? איר אַליין וועט ביי אונדז מער פּועלן ווי דער פּאַריין, ווייל איר זענט אונזערס אַן אייגענער. אָבער וואָס פאַראַ געשעפטן האָבן מיר מיט אַ פּאַ־ריין? פרעמדע מענטשן.

אויף די אַלע טענות האָבן די „מענטשן״ נאָר איין ענטפער:

— אַלץ מיטן פּאַריין. איך וועל אייך נישט ענטפערן קיין איין וואָרט. אַלץ דער פּאַריין.

אַזוי טאָג נאָך טאָג.

סוף־כּל־סוף האָבן די באַלעבאַטים איינגעזען, אַז זיי וועלן גאָרנישט אויספירן. זיי וועלן זיך איבעראַנייס מוזן צווּעקזעצן ביים טיש מיט אָט די זעלביקע צוויי, צו וועלכע זיי האָבן זיך געכאַפּט שלאָגן.

— און ווי איז דער דין — פרעגט רב נאָסקע — אַז מיר ווילן נישט די צוויי נאָר אַנדערע?

— ניין. דאָס מאָל מוזן זיין דווקא די צוויי. ווייל איר האָט זיי זייער מיאוס באַליידיקט. און איר וועט זיי אויך מוזן איבערבעטן.

— און דערנאָך וועט איר גלייך אַריין אין קראָם אַר־בעטן?

— פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ וועט זיין דערליידיקט. און אַז דער פאַריין וועט הייסן.

און אַז מ׳וועט נישט אַדורכקומען?

— וועלן מיר ווייטער שטרייקן!

— נו מילא. רופט זיי אַריין, אייערע שיינע מענטשן פון פאַריין, און זאָל דאָס שוין אַמאָל נעמען אַן עק — זאָגט רב נאָסקע מיט אַזאַ פנים גלייך מען וואָלט אים אַרויסגעריסן אַ פעסטן באַק־צאָן.

ס ו ף

CLEVELAND
PUBLIC LIBRARY